STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01720

HILF FAR YIDN OYF YENER ZAYT YAM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הילף פאר אידן
אויף יענער זייט ים

באריכט פון „דזשאינט"
פאר דעם יאהר 1940
און די ערשטע פינף
הדשים פון יאהר 1941

ארויסגעגעבען פון דער
דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע
סעפטעמבער 1941

Copyright 1941 by
THE AMERICAN JEWISH JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE, INC.
100 East 42nd Street
New York, N. Y.

אַ ר יי נ פ י ר

דאָס איז די געשיכטע פון אַן אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט פון אַ גרופּע מענטשען און אַ קליינצאָליגען שטאַב ספּעציאַליסטען, וואָס פירט דורך די אויפגאַבע פון הילף־ און אויפבוי־אַרבייט, אַ זאַך, וואָס שיינט צו זיין כמעט אונמעגליך אין דעם סאַמע צוברויזטען פּעריאָד פון אונזער צייט. דאָס איז די געשיכטע, ווי אַזוי אַ פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע, פינאַנצירט און אָנגעפירט פּריוואַט, ניט פון קיין רעגירונג, אָבער געטריבען פון אַ דראַנג צו טאָן גוטס און צו זיין באַהילפיג, האָט אָפּגעוואָרפען איין שטרויכלינג נאָך דער אַנדערער, וואָס דער מלחמה־כאַאָס האָט אָנגעוואָרפען אויף איר וועג צו ראַטעווען לעבענס. דאָס איז די געשיכטע פון נאָכאַנאַנדיגען שטעהן אויף דער וואַך, פון אויספּלאָנטערען די סאַמע פאַרפּלאָנטערטסטע פּראָבלעמען, אַ געשיכטע פון אויפגעקומענע פינאַנציעלע שוועריגקייטען, וואָס מען האָט בייגעקומען, פון מעסטען און וועגען און קומען צו אַ באַשלוס אין פונדאַמענטאַלע פראַגען פון עמוירדזשענסיס, וועלכע זיינען פלוצלינג אויסגעוואַקסען, און פון דעם ענטפער אויף זיי.

צו העלפען די בעפאַלענע קרבנות און דערביי ניט העלפען די אָנפאַלער, צו שפּייזען די הונגעריגע און ניט טראַנספּאָרטירען קיין שפּייז, ניט פאַרלעצען די בלאָקאַדע — אָט די צוויי שיינבאַר־פאַראַדאָקסאַלע טאַטען זיינען אויסגעוואַקסען פון דעם אַמעריקאַנער געוועב פון דער „דזשאָינט" ־ פירערשאַפט און אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט מען ניט אַזוי לייכט געקענט דערגרייכען. מיט דער גרעסטער אַנגסט האָט מען זיך געמוזט נעמען צו אָט־דעם ענין. מען האָט פריער געמוזט לייזען פיל טעכנישע פּראָבלעמען. אָבער דער ציל פון „דזשאָינט" איז פאַר אַלעמען געווען, זיך צוצופּאַסען צו דער אַמעריקאַנער עפענטליכער מיינונג און צו די פּאָליסיס פון דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען. נאָך אַ היבשע צייט פריער, איידער אונזער רעגירונג האָט קריסטאַליזירט אַזעלכע פּאָליסיס, האָט שוין דער „דזשאָינט" געהאַט אָנגענומען אַ שטעלונג, אַז די געלדער, וואָס ווערען אויסגעגעבען אויף הומאַניטאַרישע צוועקען, זאָלען ניט געשיקט ווערען אַהין, וואו טאָטאַליטאַרישע כחות קענען פון זיי געניסען. דער „דזשאָינט" האָט קיין דייטשלאַנד ניט געשיקט קיין אַמעריקאַנער דאָלאַרען זינט דעם יאָהר 1933.

אין די לעצטע חדשים איז אין אַמעריקע אַרויף אויפ'ן סדר־היום די פראַגע וועגען „פּריאָריטי" (בילכערקייט). בילכערקייט איז ביים „דזשאָינט" אַ טאָג־טעגליכע פּראָבלעם. ווען די נויט אויף דער וועלט איז אַזוי גרויס, און געלט איז דאָ אַזוי ווינציג, מוז יעדע געלט־באַשטימונג געמאַכט ווערען אויף דעם באַזיס פון בילכערקייט. דאַרף מען בעסער שפּייזען אַ גרעסערע צאָל קינדער פון פּוילען, ווען די נאַציס האָבען פאַרטריבען אין געטאָס, און דערביי פאַרקלענערען די הילף, וואָס מען גיט צו די אינטערנירטע אין פראַנקרייך? איז עמיגראַציע־הילף פאַר פליכטלינגע, וואָס גאַרען זיך אַרויסצורייסען פון ליטע, וויכטיגער, ווי איינשטעלען לייה־קאַסעס פאַר פליכטלינגע, וואָס זיינען פאַרוואָרפען געוואָרען אין באָליוויע און מוזען זיך שטעלען אויף די אייגענע פיס ? קען מען אַביסעל פאַרקלענערען דעם בודזשעט אין שאַנכאַי, כדי מען זאָל קענען שפּייזען די פליכטלינגע, וואָס זיינען געשטראַנדעט געוואָרען אין יאַפּאַן? אַ נייע עמוירדזשענסי קומט אויף אין באָמבעי, אָדער לוקסעמבורג, אָדער ליסאַבאָן. קען מען נעמען אַביסעל געלט פון אַן אַנדער בודזשעט און דערביי ניט ערנסט באַשעדיגען די הילפס־פּראָגראַמען, וואָס שטעהען שוין אויף דעם סאַמע נידעריגסטען שטאַפּעל ?

אַזעלכע ענינים קען מען ניט באַהאַנדלען שנעל. דאָס איז אַן אַרבייט אויף 24 שטונדען אַ טאָג. מען מוז אָנהאַלטען אַ נאָכאַנאַנדיגען קאָנטאַקט דורך קייבעלס און טראַנסאָקעאַן ־ טעלעפאָנען, דורך מיטינגען מיט פאָרשטעהער פון די אייראָפעאישע אידישע געמיינדעס, מיט אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע רעגירונגס־אַגענטורען, מיט קאָאָפערירענדע אָרגאַניזאַציעס. יעדע סיטואַציע מוז אויפ׳ן פאָרזיכטיגסטען אופן אַנאַליזירט ווערען.

דער פאַקטאָר פון פינאַנצען איז דער סאַמע וויכטיגסטער. עס איז אַ טראַגישער פאַראַדאָקס, וואָס די פאָנדען, וועלכע דער „דזשאָינט״ האָט צו זיין פאַרפיגונג זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, זיינען כמעט אין אַ פאַרקעהרטער פראָפאָרציע צו דער ריזיגער נויט. אין 1939 האָט דער „דזשאָינט״ געקענט באַוויליגען אַרום ניין מיליאָן דאָלאַר; אין 1940, אין אַ צייט, ווען ניט בלויז די נויטען זיינען געווען גרעסער, נאָר די אייראָפעאישע קוואַלען פון איינקונפט אויף הילפס־אַרבייט זיינען אויסגעטרוקענט געוואָרען, האָט מען דעם „דזשאָינט״ איינגעטיילט בלויז זעקס מיליאָן דאָלאַר.

צו דערשפירען שאַרף אַ ריזיגע מענטשליכע פראָבלעם און צו וויסען, אַז אין בעסטען פאַל קען מען בלויז לינדערען אַ קליינעם טייל פון דער נויט — אַזאַ ערפאַרונג טוט פשוט אַ ריס ביים האַרצען. די איינציגע טרייסט דערביי קומט דערפון, וואָס מען ווייסט, אַז מען קען זעהר אַ סך גוטס אויפטאָן, און עס ווערט טאַקע אויפגעטאָן אַ סך גוטס מיט די פאָנדען, וואָס זיינען דאָ; אַז בלויז אין משך פונ׳ם יאָהר 1940 האָט דער „דזשאָינט״ דערגרייכט מיט זיין הילף איבער אַ מיליאָן מענטשען, און אַז נאָך אומצעהליגע צעהנערטויזענדער האָט מען אַריינגעגעבען האָפנונג און נייעם מוט בלויז דערמיט, וואָס זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי זיינען ניט געבליבען אַליין, אָהן פריינט.

זייער וויטערדיגע עקזיסטענץ האַלט זיך אויף דער האָפנונג און אויף דעם גלויבען, אַז אייראָפע וועט נאָך ווידער קומען צוריק צו זיך און וועט ערלויבען אַלע איהרע איינוואוינער גלייך צו געניסען פון אַלע פריווילעגיעס און גלייך צו טראָגען אויף זיך אַלע פאַראַנטוואָרטליכקייטען. די אויפגאַבע פונ׳ם „דזשאָינט״ איז אַ צווייפאַכע: אָנצופירען, לויט דער בעסטער אינטעליגענץ, וואָס ער פאַרמאָגט, מיט דער עמיגראַציע פון אַזוי פיל מענטשען, וויפיל עס קענען פאַרלאָזען אייראָפע, און העלפען די, וואָס בלייבען איבער דאָרטען, זיך צופאַסען צו די נייע שווערע אומשטענדען פון זייער סביבה, ביז עס וועט קומען אַ בעסערער טאָג. פאַר אָט־דעם צוועק מוזען אויפגעהאַלטען ווערען די אינסטיטוציעס פאַר זעלבסט־הילף, פאַר סאָציאַלען וואוילזיין, פאַר קינדער־אויפפאַסונג, בילדונג, פאַך־אויסבילדונג, אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרען מיט אַזויפיל מיה און פאָרזיכט זינט דער לעצטער מלחמה. דאָס אידישע קערענדעל אין אייראָפע מוז בלייבען ניט ־ באַשעדיגט.

עדוואַרד מ. מ. וואַרבורג, טשערמאַן.

אַ לוח פון דער אידישער טראַגעדיע
פון יאַנואַר 1940 ביז מאַי 1941

די געשעהענישען, וואָס האָבען שווער באַטראָפען די אידען אויף יענער זייט ים אין משך פון׳ם יאָהר 1940 און אין׳ם ערשטען טייל פון׳ם יאָהר 1941, שטעלען מיט זיך אייגענטליך פאָר דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון דער וועלט אין אונזער צייט. כמעט יעדע גרויסע געשעהעניש האָט אַרויסגערופען נייע אידישע נויטען. די צאָל אידען, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס אין משך פון דעם צייט־אָפשניט, וואָס מיר באַטראַכטען, באַטרעפט נאָהענט צו 2,000,000.

דאַטע	פּלאַץ	געשעהעניש	די ווירקונג אויף אידען
1940 יאַנואַר	בעהמען און מעהרען	מען פּאַקט אָן וואַגאָנען מיט אידען אין פּראַג און מען דעפּאָרטירט זיי קיין פּוילען	פּאַניק צווישען די 70,000 אידען, וואָס זיינען געבליבען אין בעהמען און מעהרען; שטאַרקער דרוק צו עמיגרירען איידער עס ענדיגט זיך דער טערמין פון דעם 1־טען פעברואַר
דעם 9־טען אַפּריל	דענמאַרק	נאַצי־אינוואַזיע	7,000 אידען קומען אונטער נאַצי ־ קאָנטראָל
דעם 9־טען אַפּריל	נאָרוועגיע	נאַצי־אינוואַזיע	3,500 אידען קומען אונטער נאַצי ־ קאָנטראָל
דעם 10־טען מאַי	האָלאַנד	נאַצי־אינוואַזיע	150,000 האָלענדישע אידען און 30,000 פליכטלינגע אין האָלאַנד קומען אונטער נאַצי־קאָנטראָל; טויזענדער לויפען קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך
דעם 10־טען מאַי	בעלגיע	נאַצי־אינוואַזיע	70,000 בעלגישע אידען און 30,000 פליכטלינגע אין בעלגיע קומען אונטער נאַצי־קאָנטראָל; טויזענדער לויפען קיין פראַנקרייך
דעם 10־טען מאַי	לוקסעמבורג	נאַצי־אינוואַזיע	2,500 אידען קומען אונטער נאַצי ־ קאָנטראָל
דעם 10־טען דזשון	איטאַליע	מלחמה ווערט ערקלערט געגען פראַנקרייך און ענגלאַנד	40,000 אידען באַטראָפען; דער מיטעללענדישער ים ווערט געשלאָסען פאַר שיפס־פאַר־יעהר

דאַטע	פּלאַץ	געשעעניש	די ווירקונג אויף אידען
1940 דעם 22־טען דזשון	פראַנקרייך	וואָפנשטילשטאַנד ווערט אונטערגעשריבען מיט דייטשלאַנד	פראַנקרייך ווערט צוטיילט אויף אַן אָקופּירטען און ניט־אָקופּירטען טיילען; אַרום 100,000 אידען בלייבען אין דעם אָקופּירטען טייל; נאָך 210,000 אין דעם ניט־אָקופּירטען טייל
דעם 27־טען דזשון	רומעניע	בעסאַראַביע און דער צפון־טייל פון בוקאָווינע געהען איבער צו רוסלאַנד	370,000 אידען ווערען טראַנספערירט צו די רוסען
דעם 3־טען אויגוסט	ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע	ווערען אַריינגענומען אין פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע רעפּובליקען	דאָס רירט אָן 325,000 אידען
דעם 30־טען אויגוסט	רומעניע	דער צפון־טייל פון טראַנסילוואַניע ווערט איבערגעגעבען צו אונגאַרן	180,000 אידען ווערען טראַנספערירט
דעם 7־טען סעפּטעמבער	רומעניע	רומעניע שרייבט אונטער אַפּמאַך איבערצוגעבען דרום־דאָברודזשאַ צו בולגאַריע	דאָס באַרירט 3,000 אידען
דעם 12־טען סעפּטעמבער	לוקסעמבורג	מען באַפוילט אַלע אידען צו פאַרלאָזען לוקסעמבורג אין צוויי וואָכען צייט	2,000 אידען אַפּעלירען צום „דזשאָינט״, מען זאָל זיי גלייך העלפען צו עמיגרירען
דעם 18־טען אָקטאָבער	דאָס ניט־אָקופּירטע פראַנקרייך	אַנטי־אידישע געזעצען ווערען דורכגעפירט	אַלע אידען פאַרבאָט מען צו באַטייליגען זיך אין דער פרעסע, ראַדיאָ, קינאָ, אָדער צו פאַרנעמען אַ הויכען געזעלשאַפטליכען אַמט אין לעהר־אַנשטאַלטען, אין געריכטען, אין מיליטער אָדער אין דער פלאָטע
דעם 22־טען אָקטאָבער	סיריע	אַנטי־אידישע געזעצען ווערען דורכגעפירט	לויט אַט־די געזעצען, וואָס זיינען ענליך צו די מאַראָקאָ׳ער געזעצען, ווערען 20,000 אידען אין סיריע פאַרבאָטען אָנצונעמען אַן אַמט אין דער רעגירונג, אין דער פרעסע, קינאָ אָדער ראַדיאָ

דאַטע	פּלאַץ	געשעהעניש	די ווירקונג אויף אידען
1940 דעם 22־טען אָקטאָבער	דייטשלאַנד	מען טרייבט אַרויס אידען פון באַדען און פון דעם פּפאַלץ־געגענט	9,000 אידען, פון קליינע עופּה׳־לעך ביז אַלטע שוואַכע לייט, ווערען פאַרשיקט אין אַן אינטערניר־לאַגער פון גורס אין דעם ניט־אָקופּירטען טייל פון פראַנקרייך, נאָכדעם ווי מען האָט זיי געגעבען איין שטונדע צייט זיך איינצופּאַקען
דעם 27־טען אָקטאָבער	גריכענלאַנד	איטאַליע דרינגט אַריין	75,000 אידען ווערען באַטראָפען
דעם 2־טען נאָוועמבער	עלזאַס	אַלע אידען ווערען אַרויסגעטריבען	צווינגען 30,000 אידען צו פאַרלאָזען זייערע היימען און זיך לאָזען אין דעם ניט־אָקופּירטען פראַנקרייך
דעם 11־טען נאָוועמבער	לאָטאַרינגען	אַ ל ע פראַנציוזישע בירגער ווערען עוואַקואירט	עטליכע טויזענד אידען פון די אויסגעוויזענע לאָרעינער בירגער קומען צו צו די פליכטלינגע אין דעם ניט־אָקופּירטען פראַנקרייך
דעם 20־טען נאָוועמבער	אונגאַרן	שטעהט צו צו דער דייטש־איטאַליעניש־יאַפּאַנעזישער אַקס	דאָס טרעפט 800,000 אידען
דעם 23־טען נאָוועמבער	רומעניע	געהט איבער צו דער אַקס	די געשעהעניש טרעפט 275,000 אידען
דעם 26־טען נאָוועמבער	פּוילען	די טויערען פון דער וואַרשעווער געטאָ ווערען געשלאָסען און פאַר׳חתמ׳עט	500,000 אידען ווערען אָפּגעשניטען פון דער אויסערליכער וועלט דורך אַ וואַנט אַכט פוס די הויך
1941 דעם 21־טען יאַנואַר	רומעניע	פּאָגראָמען אויף אידען פון דער „אייזערנער גוואַרדיע"	איבער 1,000 אידען ווערען ברוטאַל אויסגעשאָכטען; טויזענדער ווערען טעראָריזירט, געשלאָגען, זייער פאַרמעגען פאַרניכטעט
דעם 11־טען מאַרטש	בולגאַריע	שטעהט צו צו דער אַקס	50,000 אידען ווערען באַטראָפען

דאַטע	פּלאַץ	געשעהעניש	די ווירקונג אויף אידען
1941 דעם 16־טען אַפּריל	יוגאָסלאַוויע	די אַקס־חילות דרינ־גען אַריין	68,000 יוגאָסלאַווישע אידען און 7,000 פליכטלינגע ווערען באַ־טראָפען אין יוגאָסלאַוויע
דעם 28־טען אַפּריל	יוגאָסלאַוויע און גריכענלאַנד	ווערען באַזיגט פון די אַקס־מאַכטען	150,000 אידען קומען אונטער דער הערשאַפט פון אַגרעסאָר; יוגאָסלאַוויע ווערט צושניטען
דעם 8־טען דזשון	סיריע	ענגלאַנד דרינגט אַריין	20,000 אידען געפינען זיך אין דעם געגענט, וואו עס קומען פאַר די שלאַכטען

דער פינאַנציעלער רעקאָרד

קאָנטראָלירען די פינאַנצען פון'ם „דזשאָינט" איז ניט אזא לייכטער עניין. דאָ האַנדעלט זיך וועגען אויסגעבען געלט, וואָס איז נאָך ניט גע־זאַמעלט געוואָרען אין די קאַמפּיינס פאַר דעם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל" און שוין אָפּגערעדט וועגען אַריינקומען אין דער קאַסע פון „דזשאָינט". עס האַנדעלט זיך וועגען מאַכען געלט־באַשטימונגען ביים אָנהויב חודש פאַר „עמוירדזשענסים", וואָס קענען אויפקומען, איידער דער חודש וועט זיך ענדיגען. עס האַנדעלט זיך וועגען מאַכען הלואות אין באַנקען, פאַרשטעהט זיך, אָהן פאַרזיכערונגען און בלויז אויף דער רעפּוטאַציע פון דער אָרגאַני־זאַציע און פון דער פירערשאַפט איבער'ן לאַנד. דאָס האָט צו־טאָן מיט אַריינקריגען אַפילו פון דער גאַנצער וועלט צו שיקען געלט, כדי מען זאָל קענען באַגעגענען עכטע נויטען, בשעת מען ווייסט לכתחילה, אַז אַלע נוי־טען קען מען בשום אופן ניט באַפרידיגען. דאָ האַנדעלט זיך וועגען דער קאָמפּליצירטער מעטאָדע פון „קלירינג" און וועגען צופּאַסען זיך צו אַלע מאָל אַנדערע פאַראָרדנונגען פון דעם טרעזשורי ־ דעפּאַרטמענט פון די פאַר־אייניגטע שטאַטען.

דער פינאַנציעלער רעקאָרד פון „דזשאָינט" אין משך פון דעם יאָהר 1940 און פון די ערשטע 5 חדשים פון 1941 קען סומירט ווערען אין איין זאַץ: אינ'ם יאָהר 1940 איז ער אַריין מיט אַן אַקומולירטען דעפיציט פון $350,500, אויסגעגעבען $6,339,600 אין משך פונ'ם יאָהר, געמאַכט נאָך אַ דעפיציט פון $239,600; באַוויליגט $2,680,350 פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 און געמוזט באָרגען אַ סומע פון $2,670,000 (כאָטש די גרעסטע סומע, וואָס איז געבאָרגט געוואָרען אויף איין מאָל, האָט ניט איבערגעשטיגען קיין מיליאָן דאָלאַר) אין משך פון אָט־די 17 חדשים, מיט וועלכע מען האָט געדאַרפט באַגעגענען די פאָדערונגען אויף מזומן געלט.

און דערביי איז פאַראַן אַ מעשה.

ווען דאָס יאָהר 1940 האָט זיך אָנגעהויבען, האָט דער „דזשאָינט" פאַר זיך געהאַט פאָדערונגען פון זיינע אַפיליאירטע קאָמיטעטען און אָרגאַניזאַציעס איבער גאָר דער וועלט אויף $27,703,600 פאַר'ן יאָהר. עס איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ סומע קען מען ניט זאַמלען, נאָר דער „דזשאָינט" האָט דאָך געהאַפט צו קענען ווייטער פאָרזעצען זיין טעטיגקייט אויף אַזאַ מאַסשטאַב, ווי ער האָט געטאָן די אַרבייט אין די לעצטע חדשים פונ'ם יאָהר 1939, ווען ער האָט באַוויליגט אַ מיליאָן דאָלאַר יעדען חודש. אין יאַנואַר און פעברואַר האָט דער „דזשאָינט" דערפאַר באַוויליגט $950,000 יעדען חודש.

אַרום מאַרטש האָט מען שוין געזעהן, אַז דער „פאַראייניגטער אידישער אַפיל" וועט אינ'ם יאָהר 1940 ניט זאַמלען אַזויפיל געלט, ווי ער האָט געזאַמעלט אינ'ם יאָהר 1939, און אַז דער „דזשאָינט" וועט מוזען היבשלעך פאַרקלענערען די באַוויליגונגען. אָט־די פאַרקלענערונגען זיינען געמאַכט געוואָרען בהדרגה, כדי ניט צו דעזאָרגאַניזירען צו־פיל די אַרבייט פון די קאָמיטעטען, וועלכע האָבען געדאַרפט דאָס געלט קריגען. און אַזוי האָט געמוזט אויפקומען אַ נייער צוגאַנג צו דער בודזשעט־פראַגע: די בודזשעטען זיינען איצט געמאַכט געוואָרען ניט אויפ'ן באַזיס פון נויט, נאָר אויפ'ן באַזיס פון ערוואַרטעטען איינקונפט. אַרום זומער זיינען די געלט־באַשטימונגען פון „דזשאָינט" אויף אַזאַ אופן פאַרקלענערט געוואָרען ביז צו $350,000 יעדען חודש. אין דעם ליכט פון די באַדינגונגען מעבר־לים אין יענער צייט האָט דער „דזשאָינט" געשפירט, אַז ער האָט דערגרייכט אַ פונקט, וואו ער באַגעגענט ניט געהעריג אַפילו די סאַמע באַגרעניצטע פאָדערונגען. האָט מען דעם 29־טען סעפטעמבער צוזאַמענגערופען אין שיקאַגאָ אַ ספּעציעלען מיטינג פון דער דירעקטאָרען־באָארד און די גאַנצע לאַגע געבראַכט צו איר אויפמערקזאַמקייט.

מען האָט אָנגעוויזען דער דירעקטאָרען־באָארד, אַז ניט געקוקט אויף די פיל אומגינסטיגע געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אייראָפּע, און אויף די שוועריגקייטען, וואָס די מלחמה און די אומשטענדען האָבען געלעגט אין וועג, האָט דער „דזשאָינט" זיך דאָך גענויטיגט און געקענט אויף אַ געהעריגען שטייגער אויסגעבען אַ גאַנצען מיליאָן דאָלאַר אַ חודש אין משך פונ'ם לעצטען פערטעל יאָהר. די נויטען פון דעם אָנקומענדען ווינטער אין אַזעלכע נויטליידענדע געגענטען, ווי פּוילען, פראַנקרייך, פאָרטוגאַל, גרויס־דייטשלאַנד און פיל אַנדערע טיילען פון אייראָפּע, פון דער לאַטיינישער אַמעריקע און פונ'ם ווייטען מזרח, זיינען געווען אַזוי גרויס און די מעגליכקייטען פאַר עמיגראַציע אַזוי היבש, אַז אויב דער „דזשאָינט" וועט ניט קענען פאַרגרעסערען זיינע באַוויליגונגען, וועלען טויזענדער מענטשען זיין פאַר'משפט צו אונטערגאַנג. די דירעקטאָרען־באָארד האָט, נאָכדעם ווי זי האָט געוואויגען און געמאָסטען אַלע עלעמענטען אין דער סיטואַציע, אינסטרואירט די באַאַמטע און די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון „דזשאָינט" צו פאַרגרעסערען די בודזשעטען, נעמענדיג אין באַטראַכט דעם איינקונפט, וואָס ווערט ערוואַר־

טעט איז משך פונ'ם יאָהר 1941. אין אַנדערע ווערטער, אָנשטאָט צו באַטראַכ־טען די לעצטע דריי חדשים פונ'ם יאָהר 1940 און די צוועלף חדשים פון 1941 ווי באַזונדערע צייט־אָפּשניטען, האָבען זיי גענומען ווערען צוזאַמען, און די באַשטימונגען פאַר אָקטאָבער, נאָוועמבער און דעצעמבער 1940 דאַרפען געמאַכט ווערען אויפ'ן גרונד פון אַ פאַרטיילונג פונ'ם ערוואַרטעטען איינקונפט אויף פופצעהן חדשים.

די בודזשעט־ און פינאַנץ־קאָמיטע האָט דעמאָלט ווידעראַמאָל דורכ־געקוקט די צוזאָגען, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געמאַכט, און די פאַרפליכ־טונגען, וואָס ער האָט שוין געהאַט, און אויך דעם מעגליכען איינקונפט פאַר'ן יאָהר 1940. די סיטואַציע ביים סוף חודש סעפּטעמבער 1940 איז געווען אַזאַ:

איינקונפט:	די ערשטע אָפיציעלע געלט־באַשטימונג פאַר'ן „דזשאָינט" פונ'ם 1940־קאַמפּיין פון דעם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל" איז געווען ..	$5,250,000
אויסגאַבען:	אַלע צוזאָגען אויפ'ן חשבון פון בודזשעט־באַ־וויליגונגען פון יאַנואַר ביז סעפּטעמבער האָבען באַטראָפען	$5,241,000

דער ערשטער איינקונפט פונ'ם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל" איז אויף אַזאַ אופן אויסגעשעפּט געוואָרען אין משך פון די ערשטע ניין חדשים פון 1940. מען האָט בשום אופן ניט געקענט וויסען, וואָס דער ריינער איינקונפט פונ'ם קאַמפּיין פון „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל" פאַר'ן יאָהר 1940 וועט זיין. מען האָט אויך בשום אופן ניט געקענט וויסען, וואָס פאַר אַ סומע געלט די פאַרטייל־קאָמיטע פונ'ם „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל" וועט באַשטימען פאַר'ן „דזשאָינט". די בודזשעט־ און פינאַנץ־קאָמיטע האָט געמוזט זיין קאָנ־סערוואַטיוו אין אירע באַשלוסען. זי האָט רעקאָמענדירט דעם „דזשאָינט" זיך מתחייב צו זיין אויסצוצאָלען אויף הילפס־ארבייט פאַר'ן יאָהר 1940 אַ סומע פון $6,280,000 אָדער מיט $1,030,000 מעהר, ווי עס האָט באַ־טראָפען די ערשטע סומע פון די קאַמפּיין־געלטער פונ'ם „פאַראייניגטען אי־דישען אַפּיל" אויפ'ן חלק פון „דזשאָינט".

ווען דער „דזשאָינט" האָט געשלאָסען זיינע ביכער פאַר'ן יאָהר 1940, איז די לאַגע געווען אַזאַ:

ריינער איינקונפט:

א. פון דער ערשטער פאַרטיילונג לויט דעם אָפּמאַך פון 1940 מיט'ן „פאַראייניגטען אידישען אַפּיל"	$5,250,000

ב. די פארטייל־קאמיטע האט באשטימט פאר׳ן „דזשאינט״ נאך $800,000. אבער, אויפ׳ן גרונד פון דער לעצטער ער־פארונג האט דער „דזשאינט״ געמוזט באזארגען א געוויסע סומע, כדי צו זיין גרייט געגען אן איינשרענקונג און אונפאראויסגעזעהענע אויסגאבען, און פארשריבען אין זיינע ביכער די סומע פון 650,000

ג. אנדערע איינקונפטען (קאנאדא און געוויסע דרום־אמעריקאנער לענדער) נעמט 200,000

סך־הכל פון געשאצטען איינקונפט $6,100,000

א ו י ס ג א ב ע ן : 6,339,600

אויסגאבען שטייגען איבער דעם איינקונפט אויף .... $ 239,600

דער ריינער דעפיציט האט דערפאר באטראפען $239,600. אבער דאס יאהר 1941 האט ניט געקענט איינזאפען א דעפיציט פון $350,500, וואס איז איבערגעבליבען נאך פונ׳ם יאהר 1939. אויף אזא אופן איז דער „דזשאינט״ אריינגעטראטען אינ׳ם יאהר 1941 מיט אנגעזאמעלטע דעפיציטען, וואס האבען באטראפען $590,100.

און ווידעראמאל איז אינ׳ם יאהר 1941 פאר׳ן „דזשאינט״ געשטאנען דאס פראבלעם פון בודזשעט־פארפליכטונגען אינ׳ם ליכט פון קאמפיין־אומזיכערקייטען. אויף דער ערשטער העלפט פונ׳ם יאהר האבען די אויסלענדישע קאמיטעטען, וועלכע מוזען אנקומען צום „דזשאינט״ פאר דעם גרעסטען טייל פון זייער איינקונפט, געפאדערט $12,622,445. די פאדערונגען פאר דער צווייטער העלפט פונ׳ם יאהר, האט מען געגלויבט, וועלען באטרעפען פונקט אזא סומע, אזוי אז די סומע, וואס מען וועט מסתמא פאדערען ביים „דזשאינט״ פאר׳ן גאנצען יאהר 1941, וועט דערגרייכען אומגעפעהר $25,000,000.

די ערשטע געלט־באשטימונג צום „דזשאינט״ לויט דעם אפמאך מיט דעם „פאראייניגטען אידישען אפיל״, איז געווען פיל קלענער, ווי אינ׳ם יאהר 1940. זי האט באטראפען $4,275,000. און ווידעראמאל איז די בודזשעט־ און פינאנץ־קאמיטע געשטאנען פנים אל פנים מיט דער נויטווענדיגקייט צו פארקלענערען דעם אלגעמיינעם מאסשטאב פון דער טעטיגקייט פון „דזשאינט״, ניט געקוקט אויף די נויטען, וואס האבען געהאלטען אין איין וואקסען צווישען די אידען אויף יענער זייט ים. פאר די ערשטע פינף חדשים פונ׳ם יאהר 1941 האט דער „דזשאינט״ זיך מתחייב געווען אויסצוצאלען $2,680,350. מען האפט, אז די רעזולטאטען פונ׳ם קאמפיין פון 1941 וועלען אין משך פון דער צווייטער העלפט פונ׳ם יאהר ערמעגליכען דעם „דזשאינט״ צו פארגרעסערען זיין הילף, אז זי זאל זיין מעהר פראפארציאנעל צו דער נויט.

ווייטער אינ'ם באריכט וועט דעם לעזער קלאָר ווערען, אַז דער „דזשאָינט" שיקט ניט קיין דאָלארען אין טעריטאָריעס, וואָס ווערען באַהערשט פון אַגרעסיווע פעלקער. די אַרבייט ווערט געטאָן אַזוי:

1. עמיגראַציע־קלירינג: אַט־די סיסטעם ווערט באַנוצט פאַר דער „דזשאָינט"־אַרבייט אין אַלט־דייטשלאַנד, אין דער געוועזענער עסטרייך, אין דעם אַמאָליגען טשעכאָסלאָוואַקיע און אין לוקסעמבורג. זי באַזאָרגט מיט אַרטיקער וואַליוטע די לאָקאַלע קאָמיטעטען אין יעדען איינציגען פון די אויבען - אויסגערעכענטע לענדער דורך דעם, וואָס פּראָספּעקטיווע עמיגראַנטען טראָגען אַריין מאַרקען אָדער קראָנען צו די צענטראַלע אידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס אין זייערע לענדער. דאָס געלט ווערט אויסגענוצט אויף רעליף, אויף שולען און אויף אַנדערע הילפס־פּראָגראַמען, און דער „דזשאָינט" באַצאָהלט מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרען פאַר די שיפסקאַרטען און רייזע־קאָסטען פון אַט־די עמיגראַנטען. די „דזשאָינט"־דאָלאַרען געהען צו ניט־דייטשע שיפס־געזעלשאַפטען, ביי וועלכע מען קויפט שיפסקאַרטען, ווי למשל די „אַמעריקאַן עקספּאָרט ליין" און די פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע שיפס־געזעלשאַפטען.

די קלירינג־סיסטעם פאַר פּוילען איז אַ מאָדיפיקאַציע פון דער אויבענדערמאָנטער קלירינג־סיסטעם. פון פּוילען פאָהרען איצטער ניט אַרויס קיין עמיגראַנטען. כדי צו באַזאָרגען די פּוילישע קאָמיטעטען מיט פּוילישער וואַליוטע, באַזאָרגט דער „דזשאָינט" מיט געלט פאַר עמיגראַציע אַזעלכע מענטשען, וואָס ווערען רעקאָמענדירט דורך דער דייטשער, עסטרייכישער און פּראַגער עמיגראַציע־ביוראָען. די מאַרקען, וואָס די קאָמיטעטען קריגען פון די עמיגראַנטען, ווערען אויסגעביטען אויף זלאָטעס און די זלאָטעס ווערען אַוועקגעשיקט צו די צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען אויף הילפס־טעטיגקייט אין יענעם לאַנד.

2. קלירינג פון בלאָקירטער וואַליוטע: אַט־די סיסטעם ווערט גענוצט אין דעם ניט־אָקופּירטען פראַנקרייך. מיט דער ערלויבניש פון דעם טרעזשורי־דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען קויפט דער „דזשאָינט" פראַנקען ביי דער פראַנצויזישער באַנק. אַט־די פראַנקען ווערען באַפרייט אין פראַנקרייך און ווערען איבערגעגעבען צו די הילפס־קאָמיטעטען. די דאָלאַרען, וואָס דער „דזשאָינט" באַצאָהלט אין דער פעדעראַל - רעזערוו - באַנק אין ניו־יאָרק אויפ'ן חשבון פון דער פראַנצויזישער באַנק, ווערען אָבער פאַרפרוירען דורך דער טרעזשורי פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענען ניט איבערגעגעבען ווערען צו דער פראַנצויזישער באַנק, אַז מען זאָל זיי דאָרטען נוצען, סיידען די אַמעריקאַנער רעגירונג גיט אַרויס אַזאַ ערלויבעניש.

ענליכע „קלירינג" - סיסטעמען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פאַר די אָקופּירטע לענדער, כדי מען זאָל ניט דאַרפען שיקען אַהין קיין אַמעריקאַנער דאָלאַרען.

ניט געקוקט אויף א סך ניט־פאראויסגעזעהענע ענדערונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין אייראפע אין משך פון דער צייט, וואס מיר באטראכטען דא, זיינען די פאנדען פון „דזשאינט" אומעטום זעהר אפגעהיט געווארען און דער „דזשאינט" האט ניט פארלוירען גארניט דורך אינוואזיע. איצטער ווערט גלייך באשטעטיגט די דערהאלטונג פון יעדער סומע, וואס ווערט געשיקט צו עפעס אן ארגאניזאציע. ניט געקוקט אויף די שוועריגקייטען פון פארקעהר, קריגט דער „דזשאינט" רעגעלמעסיג באריכטען וועגען דער ארבייט פון די ארטיגע קאמיטעטען. אין אייראפע ווערען געהאלטען בלויז די מינימאלסטע סומען אויף צו דעקען די הצתרכות'ען פאר א חודש צייט. פאקטיש ווערען די חודש־געלטער איבערגעשיקט אין עטליכע סומען, כדי אויסצוהיטען זיך פון שנעלע ענדערונגען, וואס קענען פארקומען אפילו אין משך פון איין חודש צייט.

עמיגראציע

די רייהען פון די 432,000 פליכטלינגע, וועלכע זיינען אנטלאפען פון דייטשלאנד און פון די דייטש־דאמינירטע לענדער פון 1933 ביז 1939, זיינען אויפגעשוואלען געווארען אין משך פונ'ם יאהר 1940 און אין די ערשטע פינף חדשים פון 1941 מיט פרישע 75,000 עמיגראנטען. אויפ'ן גאנצען קאנטינענט פון אייראפע זיינען סוף מאי 1941 איבערגעבליבען ארום 4,300,000 אידען, א חוץ די אידען פון דער סאוועטישער רעפובליק. מיט'ן אויסנאם פון ארום 40,000 אידען אין דריי לענדער — פארטוגאל, שוועדען און די שווייץ — האבען אלע אידען פון אייראפעאישען קאנטינענט געליטען ווער ווייניגער, ווער מעהר, פון אנטיסעמיטישער געזעצגעבונג. אונטער די אומשטענדען איז עמיגראציע געווען די איינציגע האפענונג פאר צענדליגער טויזענדער אידען. עס איז געווען אדער עמיגראציע אדער קאנצענטראציע־לאגערען, אינטערניר־לאגערען, געצוואונגענע ארבייט, אדער פארטריבען צו ווערען פון דער היים.

ניט געקוקט אויף דער מלחמה און אויף דער בלאקאדע, איז פונדעסטוועגען עמיגראציע אנגעגאנגען די גאנצע צייט. ביז די נאצים זיינען אריין אין האלאנד און אין בעלגיע אין מאי 1940, זיינען די הויפט־פארטען, וואו עמיגראנטען האבען זיך אויפגעזעצט אויף שיפען, געווען די איטאליענישע, האלענדישע, בעלגישע און פראנצויזישע. די פארטען אין די לעצטע דריי לענדער זיינען אפגעשלאסען געווארען נאכ'ן זיג פון דייטשלאנד. ווען איטאליע איז אריין אין דער מלחמה, איז דער מיטעללענדישער ים אפגעשלאסען געווארען. האט מען אויף שנעל אנטוויקעלט א נייעם וועג דורך רוסלאנד און סיביר קיין יאפאן און פון דארט אויפ'ן פאציפישען אקעאן. אט־דעם וועג האט מען אויסגענוצט פאר 5,000 עמיגראנטען פון דייטשישע לענדער און שפעטער פאר איבער 2,000 פוילישע פליכטלינגע פון ליטע. ארום דזשולאי איז ליסאבאן געווארען דער הויפט־פארט אין אייראפע, דורך וועלכען מענטשען האבען זיך געקענט ארויסראטעווען. צווישען 2,000 און 3,000 פאסאזשירען האבען געקענט יעדען חודש אפפאהרען פון ליסאבאן.

דאָס איז געווען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען גע־שטאַנען פאַר׳ן „דזשאָינט" אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ. דער „דזשאָינט" האָט געטראָגען אַ צווייענדיגע פאַראַנטוואָרט־ליכקייט: ניט בלויז האָט ער געדאַרפט באַזאָרגען די קרבנות פון מלחמה און פאַרפאָלגונג מיט אַ מעגליכקייט צו געפינען פרייהייט אויף יענער זייט ים, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט דורך עמיגראַציע־„קלירינג" אויפהאַלטען די גאַנצע הילפס־פּראָגראַם אין די דייטשע לענדער און דערביי ניט דערלאָזען, אַז די דייטשע ווירטשאַפט זאָל עפּעס געניסען פון די אַמעריקאַנער דאָלאַרען. די $2,637,000, וואָס דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט אין משך פון דער צייט פאַר דער הילפס־אַרבייט אין דייטשלאַנד, עסטרייך, געוועזענער טשעכאָסלאָוואַקיע, לוקסעמבורג און פּוילען, זיינען אויסגענוצט געוואָרען אויף קויפען שיפסקאַרטען פאַר די עמיגראַנטען, וואָס זיינען געפאָרען פון יענע לענדער. לויט דער „קלירינג"־סיסטעם פלעגען די פּראָספּעקטיווע עמיגראַנטען אַריינטראָגען אָרטיגע וואַליוטע צו זייערע צענטראַלע הילפס־קאָמיטעטען. דאָס געלט איז געגאַנגען אויף אָרטיגער הילפס־אַרבייט. דער „דזשאָינט" האָט דערפאַר באַצאָהלט מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרען צו די שיפס־געזעלשאַפטען פאַר שיפסקאַרטען.

דער „היצעם" („האַיאַס־איקאַ - עמיגראַציע־געזעלשאַפט") האָט באַדינט 6,500 עמיגראַנטען אין משך פון׳ם יאָהר 1940 און אין די ערשטע פינף חדשים פון 1941, באַנוצענדיג זיך הויפּטזעכליך מיט „דזשאָינט"־געלטער אויף צו דעקן אַלע רייזע־קאָסטען. כאָטש דער „היצעם" איז געווען געצוואונגען צוצומאַכען זיינע ביוראָען אין ברוסעל און אין פּאַריז, האָט ער פונדעסטוועגען אויפגעעפענט נייע ביוראָען אין מאַרסעיל און אין ליסאַבאָן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון׳ם יאָהר 1940, און פון דאָרטען ווייטער געפירט זיין אַרבייט.

אין דעם עמיגראַציע־רעקאָרד איז פאַראַן אַ היבשע צאָהל עקזאָטישע נעמען פון שיפען, און יעדע שיף רעפּרעזענטירט מיט זיך אַ מענטשליכע טראַגעדיע אין מיניאַטור. עס איז געווען די שיף „קוואַנזאַ", אַ פּאָרטוגעזישע שיף, וואָס איז אָנגעקומען קיין מעקסיקאָ אין סעפּטעמבער 1940, מיט עטליכע און פופציג פליכטלינגע, וואָס מען האָט ניט ערלויבט צו לאַנדען. די „קוואַנזאַ" האָט זיך געהאַט אומגעקערט צוריק קיין אייראָפּע, האָט מען די פּאַסאַזשירען אַראָפּגענומען אין נאָרפאָלק, ווירדזשיניע, וואו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפלאָדען קוילען. דאָס איז געטאָן געוואָרען אַ דאַנק די באַמיאונגען פון „דזשאָינט" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען גאַראַנטירט, אַז די פּאַסאַזשירען וועלען שנעל אָפּפאָהרען אין לענדער, וואו זיי האָבען געפּלאַנעוועט צו פאָהרען, און אַז אַלע הוצאות, וואָס די רייזע וועט קאָסטען, וועלען געדעקט ווערען.

נאָכדעם איז געקומען די געשיכטע מיט דער שיף „היע מאַרו". די שיף

איז ארויסגעפאָהרען פון קאָבע, יאפאן, אין נאָוועמבער 1940, אראָפּגעלאָזט הונדערט פון איהרע 190 פליכטלינג־פּאַסאַזשירען אין סאַן פראַנציסקאַ און גענומען די אַנדערע נײַנציג אין דרום־אַמעריקע, וואו זיי האָבען געפּלאַנעוועט צו וואַרטען אויף זייערע וויזעס פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען. כאַפּט מען זיך, ווען די „היע מאַרו" איז שוין געהאַט געקומען קיין באַלבאַא, פּאַנאַמישער קאַנאַל־זאָן, אַז 32 פון די פּאַסאַזשירען, וואָס דאַרפען אראָפּשטייגען אין האַאיטי, קאָסטאַ ריקאַ, פּערו און עקוואַדאָר, וועט מען ניט ערלויבען צו לאַנדען, ווייל זייערע וויזעס זיינען ניט גילטיג. עס האָט געדויערט כמעט אַ גאַנצען חודש, ביז אָט־די 32 פּאַסאַזשירען זיינען אראָפּגעשטיגען. זיי האָבען געדאַרפט פאַרזעצען זייער רייזע פון פּאַנאַמאַ איבער דער גאַנצער לענג פון'ם מערב־ברעג פון דרום־אַמעריקע פאַרביי קאָלאָמביאַ, עקוואַדאָר און פּערו ביז וואַלפּאַ־רעיזאַ, טשילי. דאָרט האָט זיך די שיף אַ קערעווע געטאָן אויף צוריק, קיין יאַפּאַן. אין יעדען פּאָרט איז די שיף באַגעגענט געוואָרען פון פאָרשטעהער פון די אָרטיגע „דזשאָינט"־קאָמיטעטען אין דרום־אַמעריקע, וואָס האָבען גע־טאָן אַלץ אין דער וועלט, כדי אַביסעל אָפּצופרישען די האָפענונגען פון די אומגליקליכע וואַנדערער. ענדליך האָט מען זיי ערלויבט אראָפּצושטייגען אין עקוואַדאָר. דאָס איז געווען דעם 21־טען יאַנואַר 1941, אַ לעצטע מינוט־רעטונג, וואָס דער „דזשאָינט" האָט דורכגעפירט. און געמאַכט האָט מען דאָס אַזוי: די שיף „היע מאַרו" האָט זיך, ניט לויט איר רייזע־פּלאַן, אָפּגעשטעלט אין אַ קליינינקען פערוואַנער פּאָרט, און דער עקוואַדאָרער קאָנסול איז אין איי־לעניש אַהין צוגעפאָהרען מיט אַן אויטאָמאָביל, כדי אַריינצושטעמפּלען וויזעס אין זייערע פּאַספּאָרטען.

דריי שיפען, אויף וועלכע עס האָבען זיך אָפּגעשפּילט טראַגעדיעס, זיינען געווען די „פּענטשאַ", „פּאַטריאַ", און „סאַלוואַדאָר". אַלע האָבען זיי געדאַרפט פאָהרען קיין פּאַלעסטינע, און אַלע ליגען איצטער אויפ'ן גרונד פון'ם ים. די „פּענטשאַ" האָט זיך אָנגעשלאָגען אַן אונטערוואַסער־פעלזען און געזונקען ניט וויט פון אינזעל רהאָדעס אין אָקטאָבער 1940. די 500 פּאַסאַזשירען אירע זיינען נאָך אַלץ אויף יענעם אינזעל, וואו דער „דזשאָינט" שטרענגט זיך אָן זיי צו העלפען. די „סאַלוואַדאָר" איז אונטערגעגאַנגען אין מאַרמאַראַ - ים אין דעצעמבער. 223 פון אירע פּאַסאַזשירען זיינען דערטרונקען געוואָרען, און די לעבען־געבליבענע 157 פּאַסאַזשירען האָט מען געבראַכט קיין טער־קיי, וואו דער „דזשאָינט" האָט פאַר זיי צוגעשיקט אַ סומע געלט. אויף דער שיף „פּאַטריאַ" איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס אין חיפה אין נאָוועמבער. אירע 1,600 פּאַסאַזשירען זיינען אָנפאַנגס אינטערנירט געוואָרען און נאָכדעם האָט מען זיי באַפרייט אין פּאַלעסטינע.

פ ו י ל ע ן

די לאַגע פון אידען אין פוילען זינט די דייטשען האָבען אַהין אַריינגע־דרינגען און עס איינגענומען, אין סעפּטעמבער 1939, האָט געהאַלטען אין

איין ווערען ערגער. בלויז די הערֿאאישע אנשטרענגונג זיך אליין צו העל־פען, אז אנשטרענגונג, וואס איז געשטיצט געווארען אין די סאמע קריטיש־סטע מאמענטען דורך די געלטער פונ'ם „דזשאינט", האט די לאגע אביסעל געלינדערט. אין אנפאנג 1940 זיינען אינ'ם „גוואוורנעמענט זשענעראל" פון דעם דייטש־אקופירטען פוילען געווען 1,180,000 אידען, און נאך 545,000 זיינען געווען אין די געגענטען, וועלכע זיינען איינגעשלאסען געווארען אין דעם רייך, ווי וואכטעגאו, מזרח־ און אויבער־שלעזיען, ליצמאנשטאט, א. א. וו. 1,575,000 אידען זיינען געווען אין דער מזרח־העלפט פון פוילען, וואס רוס־לאנד האט איבערגענומען. צו זיי האט קיינער ניט געקענט צוקומען מיט הילף.

80 פראצענט פון די אידען, וואס לעבען אונטער דעם דייטשען קאנטראל, זיינען פארוואנדעלט געווארען אין ארימעלייט. די צאהל אידען, וואס זיינען אויסגעשטארבען דירעקט פון דער מלחמה, האט דערגרייכט 250,000. טיפוס־עפידעמיעס און אנדערע מלחמה־קראנקהייטען האבען געבושעוועט אין די אידישע געגנטען פון ווארשע און אנדערע גרויסע שטעט. די עפידעמיעס זיי־נען נאך פארשטארקט געווארען דורך מאנגעל אין שפייז, דורך דער פארניכ־טונג פון סאניטארישע באקוועמליכקייטען און צוליב דעם, וואס אין די גרע־סערע שטעט זיינען זיך אנגעלאפען 250,000 אידישע פליכטלינגע פון די קליינע שטעטלעך. אין ווארשע זיינען דורך דער מלחמה פארניכטעט געווא־רען 35,000 אידישע היימען, 1,000 אידישע פאבריקען און 4,000 אידישע קראמען און סטראגאנעס. אריבער 70 שטעט און שטעטלעך, מעהרסטענס בעפעלקערט פון אידען, זיינען אינגאנצען חרוב געווארען. דער סטראשונאק איינצופירען געטאס האט געהאלטען אין שטענדיגען שרעק די אידישע בע־פעלקערונג. אט־דער סטראשונאק איז ענדליך פארווירקליכט געווארען ארום סוף יאהר. אין נאוועמבער האט מען א האלבען מיליאן אידען אין ווארשע אריינגעטריבען אין א געטא און זי ארומגערינגעלט מיט א הויכער שטיינער־נער וואנט. קיינער האט ניט געטארט פון דארטען ארויסגעהן, און קיין ניט־איד האט אהין ניט געטארט אריינקומען. געטאס זיינען איינגעשטעלט געווארען אויך אין לאדז, ראדאם, קיעלץ, לובלין און אנדערע שטעט.

מיט גאנץ פוילען — איין גרויסער ים פון ארעמקייט און עלענט, האט דער „דזשאינט" געמוזט אנשטרענגען אלע זיינע כחות אויף באזארגען גענוג געלט, מען זאל קענען ווי־ניט־איז לינדערען אזא ווייט־פארשפרייטע נויט. אנפאנג יאהר 1940 האט דער „דזשאינט" אויסגעארבייט א „קלירינג"־סיס־טעם, דורך וועלכער מען זאל קענען באזארגען פוילען מיט געלט און דערביי ניט ארויסהעלפען דער דייטשער ווירטשאפט. דער גרעסטער טייל פון די געלטער ($1,172,400), וואס דער „דזשאינט" האט באשטימט פאר זיין אר־בייט אין פוילען, איז איבערגעשיקט געווארען דורך אט־דער „קלירינג"־סיס־טעם, וואס האט באזארגט מיט איבער צעהן מיליאן זלאטעס די „דזשאינט"־ביוראען אין ווארשע און אין קראקאו.

מיט אַט־די געלטער אַלס פונדאַמענט, צוזאַמען מיט פּאַנדען, וואָס מען האָט געקענט אויפזאַמלען אויף די ערטער, האָבען די „דזשאָינט"־ביוראָען אין פּוילען דורכגעפירט אַ זעהר איינדרוקספולע הילפס־פּראָגראַם אין איבער 400 שטעט און שטעטלעך און אַזוי־אַרום געבראַכט הילף צו איבער זעקס הונדערט טויזענד אידען יעדען טאָג. די גאַנצע סטרוקטור פון די צענטראַלע פּויליש־אידישע אָרגאַניזאַציעס איז אויסגענוצט געוואָרען אויף באַשפּייזען, אויסטיילען קליידער און קוואַרטירען צו טויזענדער אידען יעדען טאָג. דער „טאָז" און דער „צענטאָס" האָבען אויפגעפּאַסט אויף דער מעדיצינישער הילף און אויף דער קינדער־באַזאָרגונג. שפּיטאַלען און פאַר־שולען האָבען פונקציאָנירט, ניט געקוקט אויף דער ענגשאַפט און אויף דעם מאַנגעל אין פּראָוויאַנט. ערב פּסח פון'ם יאָהר 1940 זיינען אָנגעקומען 97 וואַגאָנען מיט מצות און אַנדערע כשר'ע שפּייזען, וועלכע דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעשיקט פון אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע און אַנדערע לענדער, וואָס האָבען זיך געגרעניצט מיט פּוילען. אַט־די הילף, וואָס דער „דזשאָינט" האָט דעמאָלט פּאַרטיילט, איז אָנגעקומען צו 470,000 פּוילישע אידען.

די רעליף־אַרבייט האָט דערגרייכט איר העכסטע הויך אין סעפּטעמבער פון'ם יאָהר 1940. נאָך דעם האָבען אַ גאַנצע ריי טעטיגקייטען זיך שוין געמוזט פאַרקלענערען. דער איינקונפט פון „דזשאָינט" איז שטאַרק איינגעשרומפּען געוואָרען און ער האָט שוין מעהר ניט געקענט איבערשיקען אַזעלכע גרויסע סומען, ווי פריהער; אָרטיגע זאַמלונגען זיינען געוואָרען אַלץ קלענער, ווייל וואָס־אַ־טאָג זיינען די מענטשען אַלץ מעהר פאַראָרימט געוואָרען, און קיין מעגליכקייט צו פאַרדינען אויף אַ לעבען איז שוין מעהר ניט געווען. אַ טייל פון די זופּ־קיכען האָט מען געמוזט צומאַכען. איינצע אינסטיטוציעס האָבען זיך געמוזט צוזאַמענגיסען.

קיין סטאַטיסטישע ציפערען קענען אַזוי בולט ניט איבערגעבען די באַגייסטערונג, וואָס די „דזשאָינט"־אַרבייט אין פּוילען רופט אַרויס, ווי דער פאָלגענדער אויסצוג פון אַ בריף, וואָס אַ פּויליש־אידישע פרוי, וועלכע איז אַרויסגעפאָרען פון וואַרשע אָנפאַנג יאָהר 1941, האָט געשריבען:

„אַלע אידען פון וואַרשע און זעהר פיל קריסטען באַטראַכטען דעם „דזשאָינט" ווי זייער איינציגען רעטער פון הונגער. באַזונדערס ווערט דער „דזשאָינט" געליבט צווישען די אידישע אינטעלעקטועלע גרופּען און ספּעציעל צווישען יענע פאַמיליעס, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון לאָדז. אַ סך פון אַט־די מענטשען זיינען געווען פערזענליכע פריינט מיינע. אַלע זיינען זיי אַוועק אין די „דזשאָינט"־קיכען און האָבען דאָרטען געקראָגען אַ גוטען מאָלצייט, סערווירט אין סאַניטאַרישער אומגעבונג אָדער אינגאַנצען אומזיסט, אָדער פאַר אַזאַ נישטיגען פּרייז, אַז דער אָרימסטער מאָלצייט אין דער היים וואָלט געדאַרפט קאָסטען טייערער. איך אַליין האָב איינמאָל דאָרט געגעסען אַ מאָלצייט, און ער איז געווען זעהר געשמאַק. איינער פון מיינע פריינט, וואָס האָט אָנגע־

פירט א „דזשאָינט"-קיד, האָט מיר דערצעהלט, אַז גאַנצע 30 פּראָצענט פון די באַזוכער זיינען קריסטען.

„אַ דאַנק דעם „דזשאָינט" האָבען אַ סך אידען פון די מיטעל-קלאַס-גרופּען, וועלכע זיינען די סאַמע אומגליקליכסטע און וועמען מען פאַרפאַלגט ערגער פון אַלע אַנדערע מענטשען אין פּוילען היינט-צו-טאָג, געקראָגען באַשעפטיגונג אין פאַרשיידענע צווייגען פון דער הילפס-אַרבייט און האָבען זיך אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט פון הונגער. מען מוז פאַרשטעהן די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג פון אַרבייטסלאָזיגקייט, כדי מען זאָל אָפּשאַצען די ווירקונג, וואָס אַזעלכע שטעלעס האָבען אויף די מענער און פרויען, וועלכע האָבען זיי געקראָגען. ווען אָרום הערשט די גרעסטע אַפּאַטיע, האָבען אַט-די מענטשען עפּעס אַ ציל אין לעבען און קענען פאַרגעסען זייער אייגענעם עלענט אין דער אַרבייט צו העלפען אַנדערע.

„נאָך אַ וויכטיגער רעזולטאַט פון דער „דזשאָינט"-אַרבייט אין פּוילען איז דאָס אָפּראַטעווען פון טויזענדער אידישע יונגעלייט פון געצוואונגענער אַרבייט. ווען איך בין געווען אין וואַרשע, זיינען די אָפיציעלע אַרבייטער פון „דזשאָינט" נישט גענומען געוואָרען אויף געצוואונגענער אַרבייט אין די ניי-געשאַפענע אַרבייטס-לאַגערן אויף יענער זייט וואַרשע. אין יענער צייט איז נאָך ניט געווען קיין באַשלוס, צי מען זאָל אַזוי האַנדלען מיט וואָלונטירן, וואָס אייניגע פון זיי האָבען געאַרבייט אומזיסט פאַר'ן „דזשאָינט" פון סאַמע אָנפאַנג פון דער מלחמה. אָבער געגלויבט האָט מען, אַז אויך זיי וועט מען שאַנעווען. אַט-די אַרבייטס-לאַגערן וואַרפען אַ שרעק אויף יעדען אידישען יונגענמאַן. נאָך דעם ערשטען חודש שטאַרבען אויס 10 פּראָצענט פון די, וואָס מען שיקט אויף צוואַנגס-אַרבייט. יעדע אידישע מאַמע האָט געטרוימט, אַז איר זון זאָל קריגען עפּעס אַ שטעלע ביים „דזשאָינט".

„איך קלער, אַז איצט האָט איר שוין אַ שטיקעל באַגריף וועגען דער אויסערגעוויינטליכער און נוצליכער טעטיגקייט פון'ם „דזשאָינט"... ער איז זעהר פּאָפּולער אין פּוילען, און יעדער איד, מאַן, פרוי און קינד, ווייסט, ווער דער „דזשאָינט" איז."

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" איבערגעשיקט (מערסטענס דורך דער „קלירינג"-סיסטעם) בלויז אין דעם דייטש-אָקופּירטען פּוילען $832,400

פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 .... $340,000

מיט די „דזשאָינט"-געלטער האָט מען געבראַכט הילף (דער דורכשניט איז פון 1940) אין 504 שטעט און שטעטלעך דורך 2,046 אינסטיטוציעס צו 300,000 מענטשען יעדען טאָג. פופציג טויזענד אידען האָבען גענאָסען פון דער מעדיצינישער הילף, מען האָט געהאָלפען הונדערט טויזענד קינדער. צו 55,000 אידען האָט מען אויסגעטיילט קליידער. זעקס טויזענד האָבען געקראָגען עקאָנאָמישע שטיצע און 470,000 אידען האָבען גענאָסען פון דער מעות-חטים - אַקציע.

ליטע

דער איינשלוס פון ליטע אין סאָוועט־רוסלאַנד אין משך פון דער לעצטער העלפט פון דעם יאָהר 1940 האָט באַצייכענט אַ ווענדפונקט אין דער גרויסער פּליטים "און הילף־פּראָגראַם, וואָס דער "דזשאָינט" האָט אָנגעפירט אין יענעם לאַנד זינט פּוילען איז געפאַלען אין סעפטעמבער 1939. דער איבערגאַנג פון ווילנע און פונ'ם ווילנער געגנט צו ליטע אין אָקטאָבער 1939, האָט פאַר די 75,000 אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין ווילנע און וואָס אַ העלפט פון זיי האָבען פאַרלוירען יעדען קוואַל פון חיונה, אָנגעשטעלט אַ זעהר שווערע פּראָבלעם. דערצו נאָך זיינען צוגעקומען 25,000 מלחמה־פּליטים, וועלכע זיינען זיך אָהין אַנטלאָפען פון אַנדערע טיילען פון פּוילען, און אַלע, וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט, זיינען געווען די קליידער אויף זייערע לייבער.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצען. ליטע אַליין האָט פאַרמאָגט 2,000 פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און מעמעל און נאָך 3,000 געוועזענע איינוואוינער פון סואוואַלקער געגענט פון פּוילען, וועלכע מען האָט אריבערגעטריבען דעם ליטווישען גרעניץ אינ'ם יאָהר 1939. די 165,000 ליטווישע אידען האָבען געמוזט אריינגעמען צו זיך אַ פרעמדע באַפעלקערונג פון ארום 100,000 מענטשען. אַזאַ זאַך האָבען זיי ניט געקענט טאָן אָהן דער הילף פון "דזשאָינט", וועלכער האָט אויף זיך איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זאָרגען פאַר די פּויליש־אידישע מלחמה־פּליטים, פאַר וועמען ער האָט איינגעאָרדענט אַ גאַנצע נעץ זופּ־קיכען און באַשפּייז־צענטערען, זיי באַזאָרגט מיט קוואַרטירען, אויסגעטיילט קליידער, מעדיצינישע הילף, עמיגראַציע־הילף און איינגעאָרדענט פאַך־שולען.

אָנפאַנג יאָהר האָט דער "דזשאָינט" פינאַנצירט די באַשפּייזונג פון 5,000 מענטשען יעדען טאָג און האָט באַזאָרגט 3,000 מענטשען מיט קוואַרטירען. ארום פעברואַר האָט שוין דער "דזשאָינט" געמוזט שפּייזען 10,000 מענטשען יעדען טאָג, און 8,000 פּליטים האָט ער געמוזט באַזאָרגען מיט קוואַרטירען אין פופציג היימען.

דעם 31־טען דעצעמבער 1940, זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען אַ ריי געזעצען, לויט וועלכע מענטשען, וואָס האָבען געוואוינט אין ליטע דעם 1־טען סעפּטעמבער 1940, האָבען באַקומען דאָס רעכט צו ווערען סאָוועטישע בירגער. אַלע נויטליידענדע, אַלטע לייט און קינדער, וואָס טאָרען נאָך ניט אַרבייטען, האָבען באַקומען דאָס רעכט זיך צו ווענדען צו די אָרטיגע פינאַנציעלע סאָציאַל־אינסטיטוציעס. —

לאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען נאָך שטיצע. אין דער זעלביגער צייט האָט מען אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל צו אַלע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס אין ליטע צו ליקווידירען זייערע געשעפטען.

בעת דער גרעסטער טייל פון די פּוילישע פּליטים אין ליטע האָבען זיך געווענדט נאָך סאָוועטישער בירגערשאַפט, איז אָבער דאָרט געווען אַ גרופּע צווישען 4,000 און 5,000 מענטשען, וואָס האָבען ווינציג־וואָס גע־

קענט האָפּען אויף אַ געלעגענהייט זיך איינצואָרדענען אונטער דעם סאָוועטישען רעזשים. אָט־די מענטשען זיינען געווען רבנים, ישיבה־בחורים, אינטעלעקטואַלען, געזעלשאַפטליכע טהוער און אַרבייטער־פירער. זיי האָבען זיך גלייך געווענדט צו דער מאַכט נאָך ערלויבענישען אויף צו פאַרלאָזען ליטע. כאָטש אין משך פון די ערשטע וואָכען פון 1940 פלעגט מען אַרויספאַרוויזעס און יאַפּאַנעזישע טראַנזיט־וויזעס אַרויסגעבען זעהר לייכט, איז אָבער דאָס פּראָבלעם געווען, ווי אַזוי צו דעקען די רייזע־קאָסטען פון מענטשען, פאַר וועמען עס איז געווען אַ סכנה צו בלייבען אין ליטע. דער „דזשאָינט", צוזאַמען מיט אַ צאָהל אַנדערע אַמעריקאַנער אידישע גרופּען, האָט בייגעשטייערט צו די געלטער, וואָס מען האָט געדאַרפט אויף דעקען די הוצאות פון 1,700 מענטשען אויף דער טראַנס־סיבירישער רייזע קיין יאַפּאַן. אויף דער אויפגאַבע אַליין האָט דער „דזשאָינט" ביז איצט אויסגעגעבען 133,500$.

דאָס פּראָבלעם איז אָבער דערמיט ניט געלעזט געוואָרען. ווען די פליכטלינגע זיינען אָנגעקומען קיין יאַפּאַן, האָט מען אַנטדעקט, אַז אַ סך פון זיי האָבען ניט קיין גילטיגע וויזעס און אַז זיי וועלען דאַרום מוזען בלייבען אַז אונבאַשטימטע צייט אין יאַפּאַן, ביז זיי וועלען קענען קריגען וויזעס. אינפאָרמאַציע וועגען דעם פּראָבלעם, וואָס איז אויפגעקומען אין יאַפּאַן, וועט דער לייענער געפינען ווייטער.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" באַשטימט פאַר ליטע 582,000$. מיט די „דזשאָינט"־געלטער האָט מען אין ליטע באַשפּייזט 10,000 מענטשען, באַזאָרגט מיט קוואַרטירען 8,000 היימלאָזע, אויסגעטיילט קליידער צו 15,000 נויטליידענדע. 25 טויזענד אידען האָבען גענאָסען פון דער מעדיצינישער הילף. אויף 1,500 קינדער האָט מען אויפגעפּאַסט אין היימען. אין פאַרשולען האָבען זיך 500 יונגעלייט געלערענט פאַרשידענע מלאכות, און 2,500 אידען האָט מען געהאָלפען צו עמיגרירען.

רומעניע

די נאָכאַנאַנדיגע פאַרלוסטען פון טעריטאָריע, וואָס רומעניע האָט געהאַט אין משך פונ'ם יאָהר 1940, האָט פאַרקלענערט איר אידישע באַפעלקערונג אויף מעהר ווי אויף צוויי־דריטעל — פון 900,000 ביז 275,000. איין אומגליק נאָכ'ן אַנדערען האָט אויפגעטרייסעלט דאָס לאַנד אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ. אין נאָוועמבער און נאָכאַמאָל אין יאַנואַר זיינען אין רומעניע פאָרגעקומען די שוידערליכסטע פּאָגראָמען אין דער גאַנצער היינטיגער געשיכטע. די טעראָריסטען פון דער „אייזערנער גוואַרדיע" האָבען אויסגעלאָזט זייער צאָרן צו די אידען. טויזענדער אידען האָבען געליטען פון גנבות, רויבערייען, טעראָר. מען האָט גע'הרג'עט אידען, פאַרגוואַלדיגט זייערע פרויען, אונטערגעצונדען זייערע הייזער. צענדליגער טויזענדער זיינען אַנטלאָפען אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע נאָך אָט־די ראַיאָטען און פּאָגראָמען.

ווען דאָס יאָהר האָט זיך אָנגעהויבען און די מלחמה האָט זיך צוגע־רוקט נעענטער צו רומעניע, האָט מען די פאַבריקען, וואָס שטעהען אין גע־גענטען נאָענט צו די גרעניצען פון אונגארן און רוסלאַנד, אַריבערגעפירט טי־פער אין לאַנד, און דאָס עקאָנאָמישע לעבען האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט. די אַמאָליגע בליהענדע אינדוסטריעלע שטעט זיינען געבליבען ווי שאָטענס, בעת די רייכע רומענער האָבען געזוכט שוץ אין בוקארעסט און אין אַנדערע גרויסע שטעט טיף אין לאַנד. די אָרימע האָבען ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו בלייבען אויף די ערטער, כאָטש דאָס האָט געמיינט צו ווערען איצטער נאָך אָרימער, ווייל מען האָט ביי זיי צוגענומען אַלע קוואַלען פון חיונה. עס איז באַלד קלאָר געוואָרען פאַר אַ סך סוחרים, אַז מען קען גאָר־ניט פאַרדינען, ווען מען האַנדעלט מיט אַזעלכע אָרימע מענטשען, און זיי האָבען זיך באַלד אָפּגעזאָגט צוצופירען שפּייז אין די דערפער פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע.

אָנפאַנג יאָהר האָבען אפילו בוקארעסט און די אַנדערע גרויסע שטעט אָנגעהויבען צו פילען די מלחמה און אַלע אויפטרייסלונגען, וואָס קומען מיט איר. די אַרבייטסלאָזע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אין די גרויסע שטעט, כדי ניט אויסצושטאַרבען לאַנגזאַם אויף דער פּראָווינץ. פונדעסטוועגען איז אָט־דאָס לאַנד פון איצטיגען און קינפטיגען עלענט באַטראַכט געוואָרען פון די אידען אין דייטשלאַנד און פוילען ווי אַ מין צופלוכטס־פּלאַץ. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, זיינען אַריבער 400 פּליכטלינגע פון דייטשלאַנד אַריינגעקומען קיין רומעניע. ווען פוילען איז געפאַלען, האָבען נאָך טויזענד אידען אַריינגע־שטראָמט איבער דער גרעניץ אין אַ לאַנד, וואו אפילו די אָרטיגע אידען האָבען ווייניג־וואָס גוטס געזעהען. פון די 900,000 אידען אין רומעניע זיינען אינ'ם ערשטען טייל פונ'ם יאָהר אָרום 250,000 באַרויבט געוואָרען פון רו־מענישער בירגערשאַפט. זיי האָבען שוין מעהר ניט געהאַט דאָס רעכט צו אַרבייטען אָדער איינצואָרדענען אייגענע געשעפטען.

ווי שפּאָרעוודיג מען האָט ניט אויסגענוצט די „דזשאָינט"־געלטער אין רומעניע, כדי זיי זאָלען קלעקען פאַר מעהר, האָט מען אַלץ אַלעמען ניט געקענט העלפען. די אַרבייטסלאָזע אידען און די, וואָס מען האָט באַרויבט פונ'ם רעכט צו אַרבייטען, האָבען געמוזט קריגען רעליף. טויזענדער אידישע קינדער האָט מען געמוזט אויסהאַלטען איבער ווינטער. געזונטהייטס־קאָ־לאָניעס און אַנדערע אינסטיטוציעס פאַר קינדער־אויפפאַסונג האָט מען גע־מוזט אָרגאַניזירען און אויפהאַלטען. אָרטיגע קאָמיטעטען מיט דער שטיצע פונ'ם „דזשאָינט" האָבען זיך גענומען אויסצולערנען די אידישע יוגענט פון רומעניע מלאכות, כדי מען זאָל זיי צוגרייטען פאַר אַנדערער אַרבייט.

ווען רומעניע האָט זיך אָפּיציעל אָנגעשלאָסען אַן דער אַקס, האָט דער „דזשאָינט" ווייטער פאָרטגעזעצט זיין פּאָליסי ניט צו שיקען קיין דאָלאַרען, כדי ניט צו שטיצען די נאַצי־ווירטשאַפט. דער „דזשאָינט" האָט פאָרטגעזעצט זיין הילפס־פּראָגראַם דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגענוצט די רומענישע פאָנדען,

וועלכע האָבען געהערט צו אַליאירטע אינסטיטוציעס. עס ווערט געמאַכט אַ פּאַרזוך אויסצואַרבייטען אַ „קלירינג"־סיסטעם, וואָס זאָל מעגליך מאַכען דורכצופירען די „דזשאָינט"־אַרבייט און דערביי ניט נוצען קיין אַמעריקאַנער דאָלאַרען.

דער „דזשאָינט" האָט פון יאַנואַר 1940 ביז מאַי 1941 פאַר רומעניע באַשטימט $108,250.

אונגאַרן

אונגאַרן פאַרמאָגט איצט די צווייטע גרעסטע אידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע — אַרום 800,000 נפשות. אין די לעצטע צוויי יאָהר זיינען די אונגאַרישע גרעניצען אויסגעברייטערט געוואָרען און אַריינגענומען 155,000 אידען פון סוב־קאַרפּאַטיע און פון די געגענטען, וואָס זיינען אַנעקסירט געוואָרען פון סלאָוואַקיע, 180,000 אידען פון טראַנסילוואַניע, וואָס מען האָט אַנעקסירט פון רומעניע, און 20,000 אידען פון דער טעריטאָריע, וואָס מען האָט פאַרכאַפּט ביי יוגאָסלאַוויע. אַלע מוזען זיי לעבען אונטער די אונגאַרישע אַנטי־אידישע געזעצען, וואָס באַגרעניצען ביז גאָר די אידישע באַטייליגונג אין פּראָפעסיעס, אינדוסטריען און לאַנדווירטשאַפט. צענדליגער טויזענדער האָבען פאַרלוירען זייער קוואַל פון חיונה דורך אָט־די געזעצען, וועלכע מען האָט גענומען אַנווענדען אַלץ שטרענגער, וואָס נעענטער אונגאַרן האָט זיך צוגערוקט צו דער אַקס.

אפשר ערגער פון אַלע ליידען די 3,000 דייטשע און 3,000 פּוילישע פּליכטלינגע, וואָס געפינען זיך איצט אין אונגאַרן. זיי האָבען ניט קיין שום רעכט צו פאַרדינען עפּעס אויף אַ לעבען, און מען קען זיי יעדע מינוט אַרויסשיקען. זיי מוז מען באַזאָרגען מיט קוואַרטירען, מיט שפּייז, אויב מען וויל ניט דערלאָזען צו דעפּאָרטירען זיי אין די לענדער, פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

די הילפס־טעטיגקייט פון „דזשאָינט" אין אונגאַרן איז משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ, איז געגאַנגען אין דריי הויפּט־ריכטונגען: (1) אויסהאַלטען די פּליכטלינגע, (2) רעליף פאַר די נויטליידענדע, באַזונדערס אין סוב־קאַרפּאַטיע און אין די געגענטען, וואָס האָבען פריהער געהערט צו סלאָוואַקיע, און (3) פאַר־שולען אַלס צוגרייטונג פאַר עמיגראַציע. 3,000 פון די 6,000 פּליכטלינגע אין אונגאַרן זיינען געשטיצט געוואָרען דורכ'ן קאָמיטעט. ווען הונדערטער אידען זיינען אַנטלאָפען פון עסטרייך אין משך פון די חדשים פעברואַר און מאַרטש 1941, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז מען וועט זיי דעפּאָרטירען קיין פּוילען, זיינען גרויסע צאָהלען געקומען קיין אונגאַרן, וואו דער קאָמיטעט האָט פאַרשפּראָכען דער מאַכט, אַז מען וועט זיי אויסהאַלטען, כדי מען זאָל זיי ניט שיקען צוריק קיין ווין. אַ גרויסע צאָהל אידען אין אונגאַרן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען צו קריגען אימיגראַציע־סערטיפיקאַטען פאַר פּאַלעסטינע, האָט דער „דזשאָינט" געהאָלפען צו באַזאָרגען מיט רייזע־הוצאות.

די אָרימקייט פון די אידען, וואָס וואוינען אין די בערג פון סוב־קאַרפּאַטיע, איז כמעט אַ לעגענדאַרישע. אַ נייע פּאָר שיך רופט אַרויס אַ שמחה. אַ קינד, וואָס וואַקסט אויף ניט בלוט־אָרים און מיט קרעפטיגע ביינער, איז פּשוט אַן אויסנאַם. אַביסעל צו לינדערען די לאַגע פון אַט־די מענטשען, באַזאָרגען מיט מילך און נאַרהאַפטע שפּייזען לכל־הפּחות די קינדער און אויסטיילען קליידער אויף צו באַשיצען זיך פון דער ביטערער ווינטערדיגער קעלט — דאָס זיינען געווען די אויפגאַבען פון „דזשאָינט". אַ פאָרשטעהער פון „דזשאָינט", וואָס האָט באַזוכט סוב־קאַרפּאַטיע אָנפאַנג יאָהר 1940, האָט געשילדערט די לאַנגע רייהען אידען, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסען פאַר הייזער, פון וועלכע עס האָט זיך געשלענגעלט אַ רויך, כדי זיי זאָלען קענען אַריינקומען אין קיך אויף עטליכע מינוט זיך אַביסעל אָנצואוואָרימען, אַרויסגעהן און לאָזען דאָס פּלאַץ פאַר אַנדערע מענטשען.

אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט לענדער, וואו עס פלאַקערט די מלחמה, אָדער מיט לענדער, פון וואַנען עס דראָהט אַ סכנה פון מלחמה, קוקען פונדעסטוועגען די אונגאַרישע אידען מיט האָפנונג אויף דער צוקונפט. איבער דעם גאַנצען לאַנד האָט דער אָרטיגער קאָמיטעט איינגעשטעלט פאַך־ און לאַנד־ווירטשאַפטליכע שולען, וואָס זאָלען צוגרייטען די אידישע יוגענט פאַר עמי־גראַציע אָדער איבערוואַנדערונג אין אַנדערע לענדער. אַרום און אַרום זיינען אין אונגאַרן עטאַבלירט געוואָרען 200 שולען און צוגרייטס־צענטערען. אין אַט־די אינסטיטוציעס האָבען איבער 2,200 יונגע אידען זיך געלערענט מלאכות, כדי זיי זאָלען קענען ווערען נוצליכע בירגער אין אַנדערע לענדער.

ווען עס איז שוין געוואָרען קלאָר, אַז אונגאַרן איז אַרונטערגעפאַלען אונ־טער דער דייטשער הערשאַפט און די אונגאַרישע קרעדיטען זיינען פאַרבלאָ־קירט געוואָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, האָט דער „דזשאָינט" נאָכגע־פאָלגט זיין עטאַבלירטע פּאָליסי ניט צו שיקען אין נאַצי־קאָנטראָלירטע לענ־דער קיין אַמעריקאַנער וואַליוטע, סיידען דורך עפּעס אַ „קלירינג"־סיסטעם, דורך וועלכער אַמעריקאַנער דאָלאַרען זאָלען ניט אַרויסהעלפען דער ווירטשאַפט פון דעם אַגרעסאָר. עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ „קלירינג"־סיסטעם אויף׳ן באַזיס פון בילדונג. לויט דער סיסטעם דעקט דער „דזשאָינט" מיט אַמע־ריקאַנער דאָלאַרען אַלע הוצאות פון די אונגאַרישע אידישע קינדער, וואָס שטו־דירען אין נייטראַלע לענדער. דערפאַר צאָהלען אָפּ די עלטערען פון אַט־די קינדער צו די אונגאַרישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס דעם עקוויוואַלענט אין פּענ־גאָס, און מיט אַט־דעם געלט ווערט אָנגעפירט די הילפס־אַרבייט.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" באַשטימט פאַר אונגאַרן $184,000; פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 (דורך דער „קלירינג"־סיסטעם) — $52,000.

גרויס-דייטשלאַנד

די כחות, וואָס האָבען געצוואונגען הונדערטער טויזענדער אידען צו פאַרלאָ־זען אייראָפּע, האָבען זיך פאַרמירט נאָך אין 1933 אין דייטשלאַנד און אין די

לענדער פון מיטעל־אייראָפּע, וועלכע זי האָט דאָמינירט. פאַר אידען אין אַנדערע לענדער איז נאָך געווען אַ מעגליכקייט ווי־ניט־איז זיך צוצופּאַסען צו די נייע באַדינגונגען, אָבער פאַר די, וואָס זיינען געבליבען אין דייטשלאַנד, עסטרייך, סלאָוואַקיע, בעהמען און מעהרען, איז די איינציגע האָפענונג געווען נאָר צו עמיגרירען אַזוי שנעל ווי מעגליך. ביז צום אָנפאַנג יאָהר 1940 זיינען אַרום 260,000 אידען אַנטלאָפען פון נאַצי־דייטשלאַנד. נאָך 124,000 אידען זיינען אַנטלאָפען פון עסטרייך; 43,000 זיינען אַוועק פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

אין דער טעריטאָריע, וואָס איז באַקאַנט אַלס גרויס־דייטשלאַנד, האָבען אָנפאַנג יאָהר 1940 איבער 471,000 אידען געהאַפּט אויסגעלייזט צו ווערען אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן. די צייט האָבען זיי פאַרבראַכט ווי נאָר זיי האָבען געקענט, ווייל פאַרדינען אויף אַ לעבען, ווי פרייע מענטשען, האָט מען זיי פאַרבאָטען. אַ סך זיינען שוין געווען צו־אַלט אָדער צו־שוואַך צו קענען האָפען אויף אַ ניי און בעסער לעבען. זיי האָבען בלויז געקענט גאָט בעטען, אַז דער יונגערער און שטאַרקערער זאָל זיך קענען פון דאָרטען אַרויסרייסען, איידער מען וועט אויך אים צוברעכען. דאָס לעבען פון אָט־די מענטשען איז פאַרבי־טערט געוואָרען אויף טויזענדערליי אופנים.

גאַנצע 35 פּראָצענט פון אָט־די אידען האָבען שוין געלעבט פון צדקה — ניט רעגירונגס־צדקה, נאָר צדקה, וואָס איז געגעבען געוואָרען דורך די צענ־טראַלע אידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס אין זייערע לענדער מיט געלטער, וואָס דער גרעסטער טייל איז געגעבען געוואָרען פונ׳ם „דזשאָינט" דורך דער „קלירינג"־סיסטעם. זייערע קינדער זיינען געגאַנגען אין שולען, וועלכע זיינען אויסגעהאַלטען געוואָרען פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס — די „רייכספאַראייניגונג" אין בערלין, די „קולטוסגעמיינדע" אין ווין, די „קול־טוסגעמיינדע" אין פּראַג און די „אוסטרעדנא זשידאָוו" אין בראַטיסלאַוואַ. די אַלטע און שוואַכע זיינען אויפגעהאַלטען געוואָרען אין 175 אינסטיטוציעס טאַקע דורך אָט־די אָרגאַניזאַציעס. פערצעהן טויזענד יונגע מענטשען און דער־וואַקסענע האָבען זיך געגרייט צו עמיגרירען און געגאַנגען אין טעכנישע שולען, כדי זיך אויסצולערנען עפּעס אַ נייע מלאכה. און דער עיקר איז, וואָס 14,500 מענטשען האָט מען טאַקע געגעבען אַ מעגליכקייט צו עמיגרירען, אַ דאַנק דער הילף פונ׳ם „דזשאָינט" דורך דער „קלירינג"־סיסטעם, און נאָך טויזענדער מענטשען האָט מען געגעבען עמיגראַציע־הילף אין אַנדערע פאָרמען.

ביסלעכווייז זיינען די אַלט־עטאַבלירטע געמיינדעס צובראָכען געוואָרען אויף שטיק־שטיקלעך. פּראַקטיש זיינען אַלע אידען, וואָס זיינען פאַרבליבען אין עסטרייך — 40,000 פון אַ באַפעלקערונג פון 190,000 בלויז מיט דריי יאָהר צוריק — קאָנצענטרירט געוואָרען אין ווין. צוויי און דריי פאַמיליעס וואוינען אין איין צימער, ווייל מען האָט געמוזט אויפ׳ן באַפעהל פון דער „געשטאַפּאָ" אָפּליידיגען וואָס ווייטער אַלץ מעהר דירות. די איינציגע וועכ־בענטליכע אידישע צייטונג, וואָס מען ערלויבט צו דרוקען אין דער דייטשער

טעריטאָריע, גיט אַפּ דעם גרעסטען טייל פון איר פּלאַץ צו פראַגען פון עמי־גראַציע, דאָס איבעריגע צו נאַטיצען וועגען געשטאָרבענע.

אין יאַנואַר 1940 האָט מען אין בעהמען און אין מעהרען צונויפגעטריבען אַ מאַסע אידען און מען האָט זיי אַרויסגעשיקט אין עטליכע צוגען קיין פּוילען. אַ קלאַנג האָט זיך צעשפּרייט, אַז אַלע 70,000 אידען אין יענע טעריטאָריעס וועלען טיילען דעם זעלביגען גורל נאָך איידער דער חודש וועט זיך ענדיגען. צוליב געוויסע טעמים זיינען אָט־די דעפּאָרטאַציעס אָפּגעשטעלט געוואָרען אַזוי פּלוצלינג, ווי זיי האָבען זיך אָנגעהויבען. דער שרעק אָבער איז שטענ־דיג געהאָנגען איבער זייערע קעפּ. אַ גאַנץ יאָהר איז פאַרפלאָסען אָהן אי־בערראַשענדע געשעהענישען. אָבער אין די חדשים פעברואַר און מאַרטש פון דעם פאָלגענדען יאָהר האָט זיך אויף ס׳ניי אַ הויב געטאָן די דעפּאָרטאַציע־כוואַליע — דאָס מאָל אין ווינע. פינף צוגען פול מיט עסטרייכישע אידען האָט מען אַריבערגעשיקט איבער דער גרעניץ אין אָקופּירטען פּוילען. אין יעדען צוג האָט מען אַריינגעפּאַקט טויזענד אויף־טויט־צושראָקענע מענער, פרויען און קינדער. הונדערטער זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די לויפענדע באַנען. אַ סך זיינען אומגעקומען.

אין משך פון דער גאַנצער צייט איז דער „דזשאָינט" געווען דער הויפּט־אָנשפּאַר פאַר די אידען פון גרויס־דייטשלאַנד. ניט רעכענענדיג זייערע אַמע־ריקאַנער קרובים, איז דער „דזשאָינט" געווען די איינציגע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורך זיין „קלירינג"־סיסטעם געקענט צושטעלען די דאָלאַרען, וועלכע מען האָט געדאַרפט באַצאָהלען פאַר שיפסקאַרטען. די דאָלאַרען פונ׳ם „דזשאָינט" האָ־בען געטאָן צוויי זאַכען: ראשית, האָבען זיי געהאָלפען די עמיגראַנטען צו פאָהרען. אָהן אַמעריקאַנער דאָלאַרען וואָלט קיין עמיגראַנט ניט געקענט פאָהרען. צוויי־טענס, האָבען די זעלביגע דאָלאַרען געהאָלפען די נויטליידענדע אידען אין גרויס־דייטשלאַנד דורך דעם, וואָס די פּראָספּעקטיווע עמיגראַנטען האָבען אַריינ־געטראָגען אין די צענטראַלע דייטשע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין אָרטיגער וואַ־ליוטע דעם עקוויוואַלענט פון די דאָלאַרען, וואָס דער „דזשאָינט" האָט פאַר זיי איינגעצאָהלט אויף יענער זייט דייטשע גרעניצען. מיט דער אָרטיגער וואַליוטע האָבען די הילפס־אָרגאַניזאַציעס געלינדערט די נויט פון די אידען אויף די ערטער. די טראַנסמיגראַציע־ביוראָ פון „דזשאָינט" האָט אָנגעקניפּט פאַרבינ־דונגען מיט טויזענדער אַמעריקאַנער קרובים און זיי געהאָלפען איינאָרדענען די רייזעס פאַר זייערע נאָהענטע. צו דעם מיליאָן מיט די 443,000 דאָלאַר, וואָס דער „דזשאָינט" האָט באַשטימט דורך דער „קלירינג"־אַרבייט אין די לענדער פון גרויס־דייטשלאַנד, איז נאָך צוגעקומען $1,172,00, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר דער אַרבייט אין פּוילען, דאָס מעהרסטע געלט אויך דורך דער „קלירינג"־סיסטעם, וואָס איז אויך גענוצט געוואָרען אויף צו דעקען די רייזע־קאָסטען. מיט דער הילף פון אָט־די פאָנדען האָבען 14,500 פון די 36,000 אידען, וואָס האָבען עמיגרירט פון גרויס־דייטשלאַנד אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, געקראָגען אַ מעגליכקייט אָפּצופאָרען.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" באַשטימט פאַר דייטשלאַנד, עסטרייך, מעהרען, סלאָוואַקיע און דאַנציג $1,217,000 דורך דער „קלירינג"-סיסטעם. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי (אויך דורך „קלירינג") האָט דער „דזשאָינט" באַשטימט פאַר אָט־די לענדער — $226,000.

פ ר אַ נ ק ר י י ך

פראַנקרייך, דאָס טראַדיציאָנעלע צופלוכטס־לאַנד פאַר די פאַרטריבענע, איז אַליין אין 1940 געוואָרן אַ לאַנד, וואָס פּראָדוצירט פּליטים. אין די ערשטע חדשים פון'ם יאָהר, ווען די קעמפענדע אַרמייען זיינען נאָך געשטאַנען אַרום די מאַזשינאָ־פעסטונגען, איז די לאַגע, כאָטש זעהר אַן אָנגעשטרענגטע, נאָך געווען צו דערליידען. פופצעהן טויזענד פון די אַכט און דרייסיג טויזענד דייטש־אידישע פּליטים אין פראַנקרייך, מענער צווישען דעם עלטער פון 15 ביז 60 יאָהר, זיינען געווען אינטערנירט אין לאַגערען, ווי אויסלענדישע שונאים פון'ם לאַנד. זייערע ווייבער און קינדער, ביי וועמען מען האָט צו־גענומען די ברויטגעבער, האָבען געמוזט אָנקומען צו דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר פּליטים, צו דער „אָזע" און צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין פראַנק־רייך, וואָס זיינען געשטיצט געוואָרען פון'ם „דזשאָינט". 40 פּראָצענט פון די 150,000 אידישע אימיגראַנטען (אי נאַטוראַליזירטע בירגער, אי ניט־ביר־גער), וועלכע זיינען געקומען קיין פראַנקרייך פון מזרח־אייראָפּע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבען אָנגעוואוירען זייער פּרנסה דורך דעם, וואָס די ווירטשאַפט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ מלחמה־באַזע. זיי האָבען זיך געווענדעט נאָך הילף צו דער „פעדעראַציע פון אידישע געזעלשאַפ־טען", און די פעדעראַציע ווידער האָט זיך שוין געווענדעט צום „דזשאָינט". די אינטערנירטע האָבען זיך גענויטיגט אין וואַרימע קליידער, אין קאָל־דרעס און אין פיל קלייניגקייטען, מיט וועלכע די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיי ניט באַזאָרגט. די „קאָמיסיאָן דעי סאַנטר דע ראַסאַמבלעמאַן", וואָס איז פאַרמירט געוואָרען ביים אויסברוך פון דער מלחמה אויף דער איניציאַטיוו פון'ם „דזשאָינט", איז אויטאָריזירט געוואָרען דורך דער פראַנצויזישער ציווי־לער און מיליטערישער מאַכט צוצושטעלען אָט־די מאַטעריאַלען. עס האָט זיך איינגעגעבען אויסצוווירקען די באַפרייאונג פון געוויסע קאַטעגאָריעס אינטער־נירטע.

די הויפּט־שוועריגקייט אין פראַנקרייך איז געווען דער מאַנגעל אין געלט, ווייל די פראַנצויזישע אידען פלעגען ביז איצט צושטעלען 50 פּראָצענט פון די אויסגאַבען, וואָס זיינען אַוועק אויף פּליטים־שטיצע אין זייער אייגען לאַנד, און זיי האָבען ווייטער ניט געקענט מאַכען אַזעלכע ביישטייערן. זיי זיינען אַלע געווען פאַרטאָן אין דער מלחמה פאַר פראַנקרייך. דער „דזשאָינט", וואָס האָט אויסגעגעבען $310,000, האָט צוגעשטעלט 75 פּראָצענט פון די געלטער, וואָס זיינען גענוצט געוואָרען פאַר די פּליטים אין פראַנקרייך אין משך

פון דער ערשטער העלפט פונ'ם יאָהר 1940. מיט די „דזשאָינט"־געלטער האָט דער הילפס־קאָמיטעט פאַר פליכטלינגע באַזאָרגט 9,500 פליכטלינגע מיט שפייז, קוואַרטירען, קליידער, מעדיצינישע הילף און אַנדערע פאָרמען פון רעליף; די „אָזע" האָט באַזאָרגט מיט קוואַרטירען און שפייז 1,300 פליכטלינג־קינדער, וואָס מען האָט עוואַקואירט פון פּאַריז, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען; די פעדעראַציע האָט אָנגעפירט מיט פינף שפייז־קיכען, וועלכע האָבען אויסגעטיילט 4,500 מאָלצייטען יעדען טאָג און האָט אַרויסגעגעבען שטיצע אין מזומן־געלט צו 4,000 מענטשען. די „קאָמיסיאָן דעי סאַנטר" האָט פאַרטיילט פּראָוויאַנט פאַר $40,000 צווישען די אינטערנירטע; דער „היצעם" האָט באַדינט 800 עמיגראַנטען אין פראַנקרייך.

אין מאַי האָט די מלחמה זיך צופלאַקערט און שטורעמדיג אַ שטראָם געטאָן איבער די גרעניצען פון האָלאַנד, בעלגיע און לוקסעמבורג און אַרויסגערופען נייע שטראָמען פליכטלינגע, וואָס האָבען זיך געלאָזט קיין פראַנקרייך און געטראָגען מיט זיך פּאַניק און שרעק. נאָכדעם זיינען אָנגעקומען די פינצטערע טעג פון דזשון, דער צוזאַמענברוך פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, דער פאַל פון פּאַריז, די פאַרגוואַלדיגונג און צוגלידערונג פון דעם לאַנד, וואָס איז אַזוי הויך געשעצט געוואָרען. דער גאַנצער אָרגאַניזירטער פראַנצויזישער רעליף איז צושטערט געוואָרען. פאַמיליעס זיינען צוריסען געוואָרען, און הונגעריגע קינדער האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסען. אַרום 100,000 אידען זיינען איבערגעבליבען אין דעם אָקופּירטען פראַנקרייך. אין דרום־פראַנקרייך זיינען געווען אַרום 275,000 אידען, פון וועלכע 100,000 זיינען געווען פליכטלינגע פון אַלע קאַטעגאָריעס. היבשע צאָהלען פון די פליכטלינגע פון פּאַריז און בעלגיע האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין זייערע היימען איידער דאָס יאָהר האָט זיך פאַרענדיגט. סוף דזשון זיינען אַרום 12,000 פליכטלינגע, וואָס זיינען איבערגעבליבען אין דרום־פראַנקרייך, אינטערנירט געוואָרען אין לאַגערען ביי די פּירענעי־בערג, אָבער אָט־די לאַגערען זיינען געווען אַנדערש, ווי די פריהערדיגע. דאָרטען, וואו פריהער איז געווען מאַנגעל, האָט איצט געהערשט פשוט הונגער. די נעמען פון אייניגע פון די לאַגערען זיינען געוואָרען סימבאָליש פאַר אומגלויבליכען שוידער. סאַן סיפּריען, גורס, לע ווערנעי מיינען איצט פשוט קאַרצערען, וואוהין מען האָט אַריינגעשטופּט מענטשען אין שמוץ און אין קראַנקהייט.

עס איז געווען בלויז איין אידישע אָרגאַניזאַציע גרייט און צוגעפּאַסט דורכצופירען די הילפס־אַרבייט אין אַזאַ נויטפאַל. אָט־די אָרגאַניזאַציע איז געווען דער „דזשאָינט". ער האָט אויף שנעל ווידער צוזאַמענגעבראַכט די אידישע הילפס־פירער, וועלכע זיינען פונאַנדערגעשפּרייט געוואָרען דורך דעם בליצקריג. אייניגע קאָמיטעטען האָט מען געדאַרפט רעאָרגאַניזירען, אַנדערע האָט מען געמוזט אויפסניי גרינדען, כדי צו באַגעגענען די נייע אומגעהויערע נויטען.

דאָס פּראָבלעם האָט געוואַקסען און זיך פאַרגרעסערט מיט יעדער מי־

נוט. אין דער נאכט פון דעם 21־טען אקטאבער 1940 האט מען ארום 9,000 אידען, וואס האבען געלעבט אין באדען און אין דעם פפאלץ־געגענט פון דייטש־לאנד, געגעבען איין שטונדע צייט איינצופאקען איין רענצעל פון זייער גאנ־צען פארמעגען און געהן. יונגע און אלטע, קראנקע און געזונטע, האט מען אריינגעטריבען אין פיה־וואגאנען, און פיר טעג און נעכט נאכאנאנד האט מען זיי ארומגעשלעפט הונגעריגע און אויף־טויט־דערשראקענע, און קיינער האט ניט געוואוסט, וואוהין. אין א שלאגס־רעגען זיינען זיי אנגעקומען צום פלאץ, וואוהין מען האט זיי געטריבען, און דארט זיינען זיי געוואויר געווארען, אז זיי זיינען אין דעם אינטערניר־לאגער פון גורס, אין דעם ניט־אקופירטען פראנקרייך.

די אויסוויזונגען האבען זיך אבער נאך ניט געהאט געענדיגט. אינ'ם נעקסטען חודש איז דער ניט־אקופירטער טייל פון פראנקרייך געוואויר גע־ווארען, אז ער מוז אויפנעמען נאך 30,000 אידען, וואס מען האט ארויסגע־טריבען פון עלזאס. שפעטער האט מען אלע פראנצויזישע בירגער ארויסגע־טריבען פון לארעין, און אויך זיי האט מען איבערגעשיקט אין דרום־פראנק־רייך צו פארגרעסערען די מאסע הונגעריגע מיילער.

ווען די לאגע האט זיך אביסעל איינגעשטעלט, איז קלאר געווארען, אז מען מוז גלייכצייטיג אנפירען מיט עטליכע פארשידענע טיפען הילפס־פרא־גראמען. אין ארום צוואנציג אינטערניר־לאגערען זיינען געווען פארשפארט אומגעפעהר 60,000 מענטשליכע נפשות, א העלפט פון וועלכע זיינען געווען אידען, און די מעהרסטע פון די איבעריגע — שפאניער. כאטש די פראנ־צויזישע רעגירונג האט געטאן, וואס זי האט געקענט, צו פארבעסערען די אינטערניר־באדינגונגען, האט מען אבער געמוזט שיקען הילף אין די לאגערען, כדי אביסעל אפצושטעלען די וואקסענדע שטערבליכקייט, אויפצוהאלטען די מאראל און דעם גראדען פארשטאנד ביי די אינטערנירטע, כדי זיי צו דערהאל־טען ביים לעבען אין דער ביטערער ווינטערדיגער קעלט, שנייען און גרימיגע פרעסט, וואס הערשען אין די בערגיגע געגענטען. צוליב דעם אינטערקאנפע־סיאנעלען כאראקטער פון דעם פראבלעם, האט דער „דזשאינט" זיך פאראיי־ניגט מיט די „קוויקערס", מיט דעם אמעריקאנער „אוניטארישען קאמיטעט", מיט דער אינטערנאציאנאלער ארגאניזאציע „ווי. עם. סי. עי." און אנדערע ארגאניזאציעס, וואס זיינען געווען פאראינטערעסירט צו העלפען די אינטער־נירטע. מען האט אריינגעשיקט אין די לאגערען צוגאב ־ שפייז־פארציעס; מען האט געבראכט קליידער און זיי פארטיילט; מען האט אריינגעשיקט מעדי־קאמענטען; מען האט איינגעארדענט געוויסע פארוויילונגען. א חוץ די געל־טער, וואס דער „דזשאינט" האט דירעקט אריינגעשיקט אין די לאגערען דורך דעם קאארדיניר־קאמיטעט, וואס אט־די ארגאניזאציעס האבען געגרינדעט, האט דער „דזשאינט" באוויליגט $50,000 צו די קוויקערס אויף זייער אר־בייט.

א חוץ די אומגליקליכע אין די אינטערניר־לאגערען, זיינען געווען ארום

20,000 דייטשע און שטאַטסלאָזע פּליטלינגע, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין איין שרעק איבער די גאַסן פון מאַרסעיל, טולוז און אַנדערע גרויסע שטעט אין דעם ניט־אָקופּירטן טייל — מענטשן, וואָס מען האָט יעדע מינוט געקענט אַרעסטירן. אַט־די מענטשן האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן מיט שפּייז און קוואַרטירן. אויב זיי האָבן געקענט באַווייזן, אַז זיי וועלן ניט פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט, האָבן זיי זיך אויסגעדרייט פון טורמע. דאָ איז אויך צו־הילף געקומען דער אַפּאַראַט פון דעם רעאָרגאַניזירטן הילפס־קאָמיטעט פאַר פּליטלינגע. אַרום 18 אַרטיגע אָפּטיילונגען פון אַט־דעם קאָמיטעט זיינען ווידער איינגעשטעלט געוואָרן, און סוף יולי האָט דער הילפס־קאָמיטעט פאַר פּליטלינגע שוין באַזאָרגט 3,500 ניט־אינטערנירטע פּליטלינגע. אַרום סעפּטעמבער האָט זיך די צאָהל פאַרגרעסערט ביז 4,800, אין דעצעמבער — ביז 9,600, אין פעברואַר — ביז 13,500, און אין מאַי — ביז 14,500. פינף־און־נייַנציג פּראָצענט פון די געלטער, וואָס דער פּליטלינג־קאָמיטעט האָט באַנוצט אין זיין הילפס־אַרבייט, זיינען געקומען פון'ם „דזשאָינט".

היינט איז געוועזן דאָס קינדער־פּראָבלעם. די „אָזע" האָט נאָך אַלץ געהאַט אירע 1,300 עוואַקויִרטע קינדער פון פּאַריז צעשטעלט אין פאַרשידענע היימען איבער פראַנקרייך. אָבער עס זיינען געווען נאָך טויזנטער קינדער, וואָס האָבן געהאַלטן פּשוט אין אומקומען דורך דער נויט אין די אינטערניר־לאַגערן. האָט מען זיך ווידער געווענדעט צו דער „אָזע". זי האָט געשיקט פאַרשטעהער אין די פאַרשידענע לאַגערן צו באַזאָרגן די קינדער מיט מילך און נאַרהאַפטע שפּייזן. זי האָט איינגעאָרדענט שפּיטאָל־באַראַקען און איזאָליר־פלעצער פאַר די קראַנקע. זי האָט צוגעשטעלט קליידער און וויגעלעך, מילך־פלעשלעך און טערמאָס־אויוועלעך. אַרום מאַי 1941 האָט די „אָזע" שוין געקענט אַרויסנעמען 300 קינדער פון די לאַגערן און זיי צושטעלן אין אירע פאַרשידענע קינדער־היימען.

פאַר די קינדער פון פּליטלינגע, וועלכע זיינען ניט געווען אינטערנירט, האָט די „אָזע" עטאַבלירט אַכט בייטאָגיגע קינדער־היימען אין דעם ניט־אָקופּירטן טייל פון פראַנקרייך, וואו מען האָט באַשפּייזט און אַכטונג געגעבן אויף 1,500 קינדער. קראַנקן־שוועסטער האָבן אַנגעהויבן באַזוכן די קינדער אין זייערע היימען און באַדינט 700 קינדער. די אידען פון עלזאַס, וואָס מען האָט פאַרטריבן פון זייערע היימען, האָבן זיך גענויטיגט אין אַ אָרגאַניזאַציע פאַר קינדער־אויפפּאַסונג און מעדיצינישער הילף. זיי האָבן זיך געווענדעט צו דער „אָזע", און די „אָזע" האָט אויף זיך גענומען טויזענד עלזאַסער אידישע קינדער און דורכגעפירט אַ פּראָגראַם פון מעדיצינישער אויפפּאַסונג פאַר טויזענדער דערוואַקסענע. אין דער זעלביגער צייט האָט די „אָזע" גאַנגעהאַלטן איר פּראָגראַם צו סובסידירען פּליטלינג־דאָקטוירים. אַט־די גאַנצע אַרבייט פון דער „אָזע" איז פינאַנצירט געוואָרן אין

א גרויסער מאָס פונ׳ם „דזשאָינט״, וועלכער האָט באַשטימט דאַרויף $127,000 אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, אָדער געדעקט אומגעפעהר 85 פּראָצענט פון די „אָזע״־אויסגאַבען אין פראַנקרייך.

דאָס פּראָבלעם פון די מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראַנטען האָט זיך שטאַרק צעוואַקסען, אַלס רעזולטאַט פון דעם פאַל פון פראַנקרייך. די מעהרסטע פון אָט־די מענטשען זיינען געווען קליינע קרעמער אָדער בעלי־מלאכות פון פּאַריז. באַרויבט פון זייערע היימען און אָהן אַ געלעגענהייט זיך ווידער איינצואָרדענען, האָבען אַלע גרעסערע און גרעסערע צאָהלען זיך אָנגעהויבען נויטיגען אין הילף. די פּראָפעסיאָנעלע און אינטעלעקטועלע קלאַסען זיינען באַזונדערס געוואָרען פאַראָרימט. סוף מאַי 1941 האָט די „פעדעראַציע פון אידישע געזעלשאַפטען״, וואָס האָט זיך אויך אויפסנייַ איינגעשטעלט אין דרום־פראַנקרייך, געהאָלפען 3,500 מענטשען. 75 פּראָצענט פון אירע געלדער זיינען געקומען פונ׳ם „דזשאָינט״.

אַפילו אין דעם אָקופּירטען געגענט איז אויך אָנגעגאַנגען אַ טעטיגקייט. פינף זופּ־קיכען האָבען פונקציאָנירט און אויסגעטיילט צווישען 90,000 און 100,000 מאָלצייטען אַ חודש. מזומן־געלט האָט מען אויסגעטיילט צו הונדערטער פאַמיליעס. מען האָט אויסגעטיילט קליידער און מען האָט געגעבען מעדיצינישע הילף. אַרום 1,100,000 פראַנק פון די געלטער, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט באַשטימט פאַר פראַנקרייך נאָכדעם ווי די דייטשען האָבען עס פאַרנומען, איז אַוועק אויף סובסידירען די פאַריזער אָרגאַניזאַציעס.

אין פראַנקרייך, ווי אין יעדן אַנדער לאַנד פון אייראָפּע, איז עמיגראַציע געווען די דרינגענדסטע נויט. עס זיינען געווען פיל שוועריגקייטען אויף אַרויסצוקריגען אַרויספאָר־וויזעס, טראַנזיט־וויזעס און שוועריגקייטען בכלל צו פאָרען. פונדעסטוועגען האָט דער „היצעם״, מיט די געלטער, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט באַזאָרגט אויף הוצאות, געהאָלפען 1,400 מענטשען אַרויסצופאָרען פון פראַנקרייך פון דזשולאַי 1940 ביז סוף מאַי 1941.

פאַר דער אָקופּאַציע (פון יאַנואַר ביז דזשון 1940) האָט דער „דזשאָינט״ באַשטימט פאַר פראַנקרייך $310,000. נאָך דער אָקופּאַציע (פון דזשולאַי 1940 ביז מאַי 1941) — דורך פאַרבלאָקירטע דאָלאַרען — $552,000.

פּ אָ ר ט ו ג אַ ל

אין די ערשטע מאָנאַטען פון 1940 איז ליסאַבאָן פאַרהעלטניסמעסיג געווען ווייט פון דער אייראָפּעאישער מלחמה. אין גאַנץ פּאָרטוגאַל זיינען געווען אַרום 3,000 אידען. די צאָהל פליכטלינגע איז קיינמאָל ניט געווען מעהר, ווי הונדערט, און פאַר זיי האָט דער „דזשאָינט״ רעגעלמעסיג איבערגעשיקט $400 אַ חודש. אין דזשון איז פראַנקרייך געפאַלען, און איטאַליע איז אַריין אין דער מלחמה. איבערנאַכט איז פּאָרטוגאַל געוואָרען דאָס וויכטיגסטע לאַנד אין גאַנץ אייראָפּע פאַר די אויף־טויט־דערשראָקענע פליכטלינגע.

ארום מיטן דזשולאַי איז די שטאָט געוואָרען אַ צופֿלוכט־פּלאַץ פֿאַר די מלחמה־קרבנות, קריסטען און אידען צוגלייך.

דעמאָלט האָט שוין דער „דזשאָינט" געהאַט זיין הויפּט־אייראָפּעאישע ביוראָ אין ליסאַבאָן, אין רעכטען געדיכטעניש פֿון אַן אויסערגעוויינליך־ערנ־סטען פּראָבלעם. אַ סך פּליכטלינגע, ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין ליסאַבאָן, האָבען אָדער גאָרניט פֿאַרמאָגט, אָדער שוין געהאַט זייער ווינציג מיטלען צום לעבען. די צונקונפֿט פֿון ליסאַבאָן אַלס לעצטער אָפֿענער פּאָרט אויף דעם אַט־לאַנטישען אָקעאַן איז אָפּגעהאַנגען פֿון דעם, צי מען וועט קענען אויסהאַלטען די פּליכטלינגע אַזוי, אַז זיי זאָלען ניט פֿאַלען צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפֿט. דער הילפֿס־קאָמיטעט פֿון ליסאַבאָן האָט אויף שנעל אויפֿגעפֿענט אַ גרויסע פּריי־קיך. ער האָט אויסגעטיילט מזומן־געלט, באַזאָרגט די פּליכטלינגע מיט קוואַר־טירען, אויסגעטיילט קליידער און מעדיציניזשע הילף, און דער עיקר, ער איז געווען דער פֿאַרמיטלער ביי די רעגירונגס־ביוראָען צו פֿאַרשנעלערען עמי־גראַציע.

סוף אויגוסט זיינען שוין אין פּאָרטוגאַל געווען איבער 12,000 פּליכט־לינגע. דעמאָלט האָבען די געלט־איבערווייזונגען פֿון „דזשאָינט" זיך אַ הויב געטאָן פֿון $400 אַ חודש ביז $5,000. שפּעטער האָט זיך די סומע פֿאַרגרע־סערט ביז $6,500, און אַרום נאָוועמבער האָט זי שוין דערגרייכט ביז $10,000.

און פּליכטלינגע האָבען געהאַלטען אין איין שטראָמען, בעת די, וואָס זיינען שוין דאָרטען געווען, האָבען מיט האָפֿנונג געוואַרט אויף אַ מעגליכקייט אָפּצופֿאָרען. אין משך פֿון דער לעצטער העלפֿט פֿונ׳ם יאָהר און אין די ערשטע חדשים פֿון 1941 האָט דער „דזשאָינט" אויסגעאיבט זיין איינפֿלוס, וואו נאָר ער האָט געקענט, צו קריגען אַ מעגליכקייט אויף אָפּצופֿאָרען פֿאַר אַט־די פּליכט־לינגע. די פּאָרטוגעזישע מאַכט, וואָס האָט אַרויסגעוויזען גרויס מיטגעפֿיהל און רחמנות אין באַהאַנדלען דאָס פּליכטלינג־פּראָבלעם, האָט געוואָלט ער־לויבען מעהר פּליכטלינגע אַריינצוקומען, אָבער בלויז אין דער פּראָפּאָרציע, וואָס די פּליכטלינגע, וועלכע האָבען זיך שוין דאָרטען געפֿונען, וועלען דאָס לאַנד פֿאַרלאָזען. צווישען 30,000 און 40,000 פּליכטלינגע זיינען דורכגעג־גאַנגען דורך ליסאַבאָן פֿון דזשון 1940 ביז סוף מאַי 1941.

אַ סך דורכפֿאָרענדע פּליכטלינגע, כאָטש זיי זיינען ניט געווען אויף דעם שטענדיגען רעליף־צעטעל פֿון דעם ליסאַבאָנער קאָמיטעט, האָבען פֿונ־דעסטוועגען זיך גענויטיגט אין צייטווייליגער הילף אין משך פֿון דער צייט, וואָס זיי זיינען דאָרטען פֿאַרבליבען. אין מאַי 1941 האָט דער ליסאַבאָנער קאָ־מיטעט באַזאָרגט 1,600 פּליכטלינגע מיט שפּייז יעדען טאָג, און דער „דזשאָינט" האָט איבערגעשיקט יעדען חודש $12,000 אויף פּליכטלינג־הילף אין פּאָרטוגאַל.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" באַוויליגט פֿאַר פּאָרטוגאַל $76,000. פֿון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 האָט דער „דזשאָינט" אַהין איבערגעשיקט $59,000.

א י ט א ל י ע

ווען איטאַליע איז אַריין אין דער מלחמה אין דזשון 1940, זיינען אירע 3,000 פּליכטלינגע באַלד אַריין אין אַ צרה. אַלע מענער פון מיליטערישען עלטער, 1,650 אין צאָהל, זיינען גלייך אינטערנירט געוואָרען. אייניגע פון זייערע פאַמיליעס זיינען אויך אינטערנירט געוואָרען. אַנדערע האָט מען געלאָזט אַרומגעהן אויף דער פריי. עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער די פּליכטלינגע, וואָס זיינען אינטערנירט געוואָרען, האָבען זיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע, ווי די פרייע. זיי האָבען לכל־הפּחות געהאַט אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און יעדען טאָג עסען, כאָטש אפילו מאַגערע מאַלצייטען. די אַנדערע האָבען געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון דעם פּליכטלינג־קאָמיטעט, וועמענס איינקונפט איז געוואָרען קלענער און קלענער, ווייל די ביטראַגען זיינען געוואָרען אַלץ ווינציגער. די מאָס הילף, מיט וועלכער מען האָט אויפגעהאַלטען די פּליכטלינגע אין איטאַליע, איז געווען די סאַמע מינימאַלסטע אין גאַנץ מערב־אייראָפּע. אַ פּליכטלינג האָט געקראָגען אין דורכשניט דריי דאָלאַר אַ וואָך אויף אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט צום לעבען. אונטער די אומשטענדען האָבען זעקס אָדער זיבען מענטשען געמוזט וואוינען אין איין צימער, כדי מען זאָל ווי־ניט־איז קענען דורכקומען. דער מאַנגעל אין נאַרהאַפטע שפּייזען האָט געקאָסט געזונט און פאַראורזאַכט קראַנקהייטען, און נאָך מעהר פאַרערגערט די שטימונג צווישען די אומגליקליכע פּליכטלינגע.

וואָס ס'איז שייך צו די איטאַליענישע אידען גופא, איז זייער צוקונפט ניט געווען פיל בעסער, ווי די צוקונפט פון די פּליכטלינגע. די ראַסען־געזעצען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אינ'ם יאָהר 1938, האָבען באַגרעניצט דאָס אידישע רעכט צו באַזיצען אייגענטום, פאַרבאָטען די אידען זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדעל, אָנצוהאַלטען אַ רעגירונגס־שטעלע אָדער פּראַקטיצירען אַ פּראָפעסיע. אין יענער צייט האָט די אידישע געמיינדע אין איטאַליע פאַרמאָגט 50,000 נפשות. דאָס איז געווען אַן אַלטע און לאַנג־עטאַבלירטע געמיינדע, אָבער אין 1940 זיינען די רייכסטע אידען (איבער צעהן פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל) פון דאָרט אַנטלאָפען. נאָך 15 פּראָצענט האָבען זיך גענומען צו שמד, כדי צו געבען זייערע קינדער אַ געלעגענהייט צו פירען אַ נאָרמאַל לעבען. די איטאַליענישע אידען האָבען נאָך פונדעסטוועגען געקענט אַליין באַזאָרגען זייערע אייגענע פילאַנטראָפּישע הצטרכות'ען, אָבער אויף פּליכטלינג־הילף האָבען זיי שוין גאָרניט געקענט געבען. דער „דזשאָינט" האָט בייגעטראָגען 80 פּראָצענט פון דעם איינקונפט פון דעם איטאַליענישען הילפס־קאָמיטעט פאַר פּליכטלינגע.

אַרום מאַי 1941 האָט דער קאָמיטעט אַרויסגעהאָלפען גאַנצע 2,000 פון די 3,000 פּליכטלינגע אין איטאַליע. די ערשטע זאַך האָט ער געהאָלפען די ניט־אינטערנירטע, אָבער ער האָט זיך אויך אָנגעשטרענגט צו לינדערען די נויט פון די, ביי וועמען מען האָט באַרויבט זייער פרייהייט.

פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1940 האָט דער „דזשאָינט" באַוויליגט פאַר אי־טאַליע $146,000. פון דזשון 1940 ביז סוף מאַי 1941 האָט דער „דזשאָינט" (דורך „קלירינג") אַהין איבערגעשיקט $22,000.

די שווייץ

די נייטראַלע שווייץ איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדליכער צופלוכטס־האַפען, צו וועלכען די פאַרפאָלגטע אידען פון גרויס־דייטשלאַנד האָבען געקענט שטרעבען. די אָרטיגע אידישע באַפעלקערונג פון יענעם לאַנד האָט בלויז גע־צעהלט 17,000 נפשות (איצט איז די צאָהל רעדוצירט געוואָרען דורך עמי־גראַציע ביז 15,000). פונדעסטוועגען זיינען דאָרט אָנפאַנג יאָהר 1940 געווען 7,000 אידישע פליכטלינגע.

דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר פליכטלינגע אין דער שווייץ, וואָס האָט פאַר זיך געהאַט אַן אַבנאָרמאַל־גרויסע פליכטלינג־באַפעלקערונג אין פאַרגלייך מיט דער צאָהל אָרטיגע אידען, איז אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריגקייטען אויפצו־זאַמלען גענוג געלט אויף אָנהאַלטען ווייטער די הילף. אַ סך פון די רייכערע אידען פון דער שווייץ זיינען אַפּגעפאָרען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, און דער קאָמיטעט האָט זיך געמוזט ווענדען אַלץ מעהרער און מעהרער צום „דזשאָינט" נאָך הילף. כאָטש די שווייצאַרישע רעגירונג האָט זיך באַצויגען צום גאַנצען פּראָבלעם מיט גרויס סימפּאַטיע און האָט אַליין אַביסעל בייגעשטייערט צו די הוצאות אויף אויפהאַלטען די פליכטלינגע, פונדעסטוועגען האָט דער „דזשאָינט" געמוזט צושטעלען 60 פּראָצענט פון די געלטער, וואָס מען האָט אויסגעגעבען אויף פליכטלינג־הילף אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ.

אין דער שווייץ האָט מען פאַר די פליכטלינגע עטאַבלירט אַ צאָהל אַר־בייטס־לאַגערן. אַנדערע האָט מען באַזאָרגט מיט קוואַרטירען אין פּריוואַטע היימען, און דער הילפס־קאָמיטעט פלעגט זיי אַרויסגעבען אַ וועכענטליכע שטי־צע. אַלע נויטבאַדערפטיגע זיינען באַזאָרגט געוואָרען מיט מעדיצינישער הילף. דער טראָפּ אין דער שווייץ, ווי אין יעדען אַנדער לאַנד אין אייראָפּע, איז גע־שטעלט געוואָרען אויף עמיגראַציע. אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט פעלקער אין קריג, איז דאָס נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע. פונדעסטווע־גען האָט זיך 500 פליכטלינגע איינגעגעבען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד צווישען יאַנואַר 1940 און מאַי 1941.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" איבערגעשיקט אין דער שווייץ $265,300. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 האָט ער אַהין איבערגעשיקט $48,500.

לוקסעמבורג

לוקסעמבורג איז אַ קליינינקע גרויספירסטענטום, וואָס ליגט ווי פאַרלוירען צווישען די גרויסע מלוכות אין אייראָפּע. צווישען די פיל גרעסערע טראַגעדיעס

איז די נויט פון די לוקסעמבורגער אידען ווינציג וואס באמערקט געווארען. ביז דער אינוואזיע אין פרילינג פונ׳ם יאהר 1940 האט לוקסעמבורג געדינט אלס קליינינקער צופלוכטס־האפען פאר פליכטלינגע. אבער די ארײנדרינגער האבען אריינגעבראכט קיין לוקסעמבורג די בארימטע אנטי־אידישע פארפאל־גונגען.

דעם 5־טען סעפטעמבער זיינען אנגענומען געווארען די ערשטע אפי־ציעלע אנטי־אידישע געזעצען אין לוקסעמבורג. דעם 26־טען סעפטעמבער 1940 האט מען די 2,000 אידען פון דעם פירסטענטום געגעבען בלויז צוויי וואכען צייט אויף זיך איינצופאקען און אפפאהרען פון זייער לאנד. אייניגע האבען זיך געבעטען, מען זאל זיי געבען מעהר צייט. אנדערע — איבער 500 — האט מען געצוואונגען צו פארלאזען דאס לאנד. די מעהרסטע פון זיי זיינען געפארען קיין פראנקרייך, אייניגע קיין בעלגיע און האלאנד. איין צוג האט ווי־ניט־איז דערגרייכט ווילאר פארמאזא אויף דער גרעניץ פון פארטוגאל, דער וואונדערליכער טויער פון איראפע. אבער דארט האט מען דעם צוג פארהאלטען, און דער גורל פון 287 מענער, פרויען און קינדער איז געהאנגען אויף דער וואגשאל.

אויף יענער זייט גרעניץ איז געלעגען פרייהייט, אבער אין יענעם צוג האבען זיך די 287 פאסאזשירען געקארטשעט אין אגאניע און געליטען הונגער און קעלט. קיינער האט ניט געטארט ארויסגעהן פונ׳ם צוג, כאטש צווישען זיי זיינען געווען אלטע און קראנקע מענטשען און קליינע קינדער. די פליכטלינגע, וואס זיינען געווען אין ווילאר פארמאזא, האבען געמאכט א פארזוך צו ברענ־גען קאווע און שפייז צו די ליידענדע פליכטלינגע אין באן, אבער די פאליציי האט קיינעם ניט צוגעלאזען צו די אומגליקליכע. איין פרוי איז געשטארבען. בעת דער צוג איז געשטאנען אין ווילאר פארמאזא, און די מענטשען אין די וואגאנען האבען נאך אלץ געווארט און געהאפט, אז סוף־כל־סוף וועט מען זיי ערלויבען איבערצוגעהן די גרעניץ צו א זיכער פלאץ. אבער אויסגעלאזט האט זיך גאנץ אנדערש. דער צוג האט אנגעהויבען געהן צוריק פונוואנען ער איז געקומען, און מיט זיך מיטגענומען די פליכטלינגע אין א פראנצוי־זישען אינטערניר־לאגער. שפעטער האט מען זיי באפרייט, און אייניגע פון זיי האבען שוין אפילו עמיגרירט.

נאך א טראנספארט פון 150 מענטשען וואלט געווען אויסגעקומען דורכ־צולעבען די זעלביגע ליידען, אבער דער „דזשאינט" האט צוגעשטעלט א גא־ראנטיע, אז ער וועט זיי שטיצען, און דאס האט געהאלפען, מען זאל זיי ער־לויבען אריינצוקומען קיין פארטוגאל.

פון יאנואר ביז סוף מאי 1940 האט דער „דזשאינט" באוויליגט פאר לוקסעמבורג 14,000$. פון דזשון 1940 ביז סוף מאי 1941 האט דער „דזשאינט" דורך „קלירינג" אהין איבערגעשיקט 21,000$.

בעלגיע

איידער די דייטשען זיינען אהין אריינגעדרונגען (מאי 1940), איז בעלגיע געווען איינע פון די וויכטיגסטע צופלוכטס־לענדער פאר די פליכטלינגע אין גאנץ מערב־אייראפע. דער „דזשאינט" האט געהאלפען דער אידישער געמיינדע פון בעלגיע צו שטיצען 16,000 פון די 30,000 פליכטלינגע אין יענעם לאנד דורכדעם, וואס ער האט צוגעשטעלט 75 פראצענט פון אלע געלטער, וואס מען האט געדארפט אויף אויסהאלטען זיי. די בעלגישע רעגירונג, זעהר סימפאטיש צו דעם פראבלעם, האט איינגעשטעלט זעקס פליכטלינג־לאגערען, וואו מען האט אויפגעהאלטען א טייל פון דעם שטראם פליכטלינגע, וואס האט זיך אהין א לאז געטאן נאך די דייטשע פאגראמען, צו טויזענד פליכטלינגע א חודש. דער אידישער הילפס־קאמיטעט פאר פליכטלינגע פלעגט ארויסגעבען מזומן־געלט אויף שטיצע צו 14,000 אנדערע פליכטלינגע, וועלכע זיינען ניט געווען אין די לאגערען. די זופ־קיכען אין ברוסעל און אנטווערפען האבען באשפייזט 1,200 מענטשען יעדען טאג. דער קאמיטעט האט באצאהלט פאר מעדיצינישער באהאנדלונג, באצאהלט אלע אויסגאבען אין די שפיטאלען, פארטיילט רעצעפטען און געגעבען אנדערע מעדיצינישע און דאנטיסטישע הילף. עס האבען פונקציאנירט עטליכע צוגרייט־צענטערען פאר די 3,000 פליכטלינגע אויף זיך לערנען מלאכות, לאנדווירטשאפטליכע ארבייט און אנדערע אינדוסטריעלע ארבייטען.

בעת די דייטשען זיינען אריינגעדרונגען קיין בעלגיע, האט דער „דזשאינט" אויטאריזירט דעם הילפס־קאמיטעט פאר פליכטלינגע אין בעלגיע צו בארגען וויפיל ער קען אויף די ערטער אויפ'ן חשבון פונ'ם „דזשאינט", וועלכער וועט אויסצאהלען דאס געלט, ווען עס וועט זיין מעגליך דאס צו טאן, און דערביי ניט העלפען דער דייטשער ווירטשאפט. פון דעמאלט אן האט דער „דזשאינט" שוין ניט געקענט שיקען קיין געלט אויף דער הילפס־ארבייט אין בעלגיע, און ער ווארט אלץ אויף א צייט, ווען עס וועט אויסגעארבייט ווערען א „קלירינג"־סיסטעם.

פון יאנואר ביז מאי 1940 האט דער „דזשאינט" אויסגעגעבען אויף דער הילפס־ארבייט אין בעלגיע $275,000.

האלאנד

אין יאנואר 1940 האט דער „דזשאינט" געהאלפען דער אידישער געמיינדע פון האלאנד אויפצוהאלטען 7,000 פון 30,000 פליכטלינגע אין יענעם לאנד. א סך פליכטלינגע האבען געארבייט אין לאגערען, וואס די האלענדישע רעגירונג האט עטאבלירט און וואס די אידישע פליכטלינג־קאמיטעטען האבען אויסגעהאלטען. פון די 1,500 קינדער, וואס מען האט געבראכט קיין האלאנד נאך די שוידערליכע פאגראמען אין דייטשלאנד אין נאוועמבער 1938, ווערען 715 קינדער נאך אלץ אויסגעהאלטען פון דעם קאמיטעט. פאר 615

קינדער האָט מען באַזאָרגט פאַר' און הכשרה - שולען. אין משך פון די ערשטע פיר חדשים פון 1940 האָט זיך איינגעגעבן צו העלפען 650 פליכט־לינגע אַרויסצופאָרען פון האָלאַנד, און מען האָט אויף פאַרשידענע אופנים גע־האָלפען נאָך 350 טראַנסמיגראַנטען (פון דייטשע לענדער), וועלכע האָבען זיך אויפגעזעצט אויף שיפען פון האָלענדישע פּאָרטען.

דער „דזשאָינט" שטעלט צו צוואַנציג פּראָצענט פון אַלע הוצאות אויף דורכצופירען אַט־די הילפס־פּראָגראַמען. די איבעריגע הוצאות ווערען גע־דעקט פון לאָקאַלע זאַמלונגען.

ווען די נאַציס האָבען אַ שטראָם געטאָן איבער די נידערלאַנדען און גע־זייהט אומעטום טויט און פאַרוויסטונג, האָט דער „דזשאָינט" אַ שטיקעל צייט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט ווייטער צו שיקען געלט קיין האָלאַנד, צוליב זיין פּאָליסי פון ניט צו העלפען דער ווירטשאַפט פון דעם אַגרעסאָר.

זינט די דייטשען האָבען אָקופּירט האָלאַנד, זיינען אַלע געלט־באַשטימונ־גען פון'ם „דזשאָינט" רעזערווירט בלויז אויף עמיגראַציע. ערשט אין די לעצטע חדשים האָט מען ערלויבט עמיגראַנטען צו פאַרלאָזען האָלאַנד, נאָר מען האָפט, אַז אַ שטענדיגער שטראָם פון דאָרט וועט זיך איצטער אַנטוויקלען.

אויף דער הילפס־פּראָגראַם אין האָלאַנד האָט דער „דזשאָינט" באַוווי־ליגט פון יאַנואַר ביז סוף אַפּריל 1940 $105,000. פון מאַי 1940 ביז סוף מאַי 1941 האָט ער אַהין איבערגעשיקט (דורך „קלירינג") $62,500.

יוגאָסלאַוויע

אָנפאַנג יאָהר 1940 זיינען איבער 5,500 פליכטלינגע געהאַט געקומען קיין יוגאָסלאַוויע; אַרום אַפּריל 1941 האָט שוין זייער צאָהל דערגרייכט ביז 7,000. כמעט אַלע האָבען געמוזט אָנקומען צו דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר פליכטלינגע אין זאַגרעב. דער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיי באַזאָרגט מיט קוואַרטירען, באַשפּייזט און אויסגעטיילט קליידער צו אַ גרויסער צאָהל, איז אויפגעפאָדערט געוואָרען דורך אַ באַפעהל פון דער רעגירונג, וואָס איז פאַר־עפענטליכט געוואָרען אין'ם יאָהר 1939, אַז ער זאָל געבען אַ גאַראַנטיע, דאָס ער וועט אויסהאַלטען אַלע פליכטלינגע. 30 פּראָצענט פון די פאָנדען פון דעם קאָמיטעט זיינען געקומען פון'ם „דזשאָינט".

אָבער יוגאָסלאַוויע איז גיכער געווען אַ דורכפאָר, ווי אַ פּלאַץ אויף באַזעצען זיך אויף שטענדיג, אַ מין שליאַך, דורך וועלכען פיל פליכטלינגע האָבען זיך געלאָזט קיין פּאַלעסטינע. אייניגע זיינען געגאַנגען צו־פוס, אַנדערע זיינען געפאָרען אויף באַנען. געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געקראָגען שיפען, אַלטע, אויף וועלכע עס איז פּשוט געווען אַ סכנה צו פאָרען איבער'ן ים. איינע פון אַט־די שיפען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם דונאַי סוף יאָהר 1939. נעבען קלאַדאָוואַ, אַ פאַרוואָרפענע פּלאַץ אויפ'ן נידעריגען טייל פון'ם טייך, זיינען אַט־די 1,062 פליכטלינגע געבליבען שטעקען אויף אַ צובראָכענער

שיף, וואָס איז איינגעפּרווירען געוואָרען. די נאָענטסטע באַן־סטאַנציע איז געווען 60 קילאָמעטער ווייט, אַ רייזע, וואָס האָט געדויערט אויף אַ שליטען איבער זיבען און אַ האַלב שעה צייט. דער קאָמיטעט אין זאַגרעב האָט טעלע־גראַפירט צום „דזשאָינט" אַ האַרצרייסענדע בקשה צו העלפען וואָס גיכער די געשטראַנדעטע פּליכטלינגע. און די הילף איז געקומען.

מיט די געלטער פון „דזשאָינט" האָט מען געקויפט שפּייז און מעדיקאַ־מענטען און אויף שנעל צוגעשיקט צו אָט־די מענטשען — עס זאָל זיי קלעקען ביז דאָס אייז וועט צוגעהן. אין פּרילינג האָט די שיף שוין ווייטער געקענט פאָהרען, אָבער עס איז אויפגעקומען אַ רייה פּאָליטישע אַנטוויקלונגען, וואָס האָבען ניט דערלאָזט אָט־די אומגליקליכע מענטשען ווייטער צו פאָהרען. עס איז אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש. עס איז געוואָרען היים און הייסער, און דאָס האָט פאַראורזאַכט קראַנקהייטען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען בושעווען אויף אַן עפּידעמישען מאַסשטאַב. עס איז געוואָרען קלאָר, אַז אָט־די פּליכטלינגע מוז מען אַראָפּנעמען פון דער שיף אויף אַ פּלאַץ ערגיץ ביים ברעג. דאָס נאָענט־סטע פּלאַץ איז געווען דאָס דאָרף קלאַדאָוואָ, מיט אַ באַפעלקערונג פון בלויז 1,800 איינוואוינער. דאָ האָט מען אויפגעבויט אַ שפּיטאָל־באַראַק און איהם באַזאָרגט מיט מעדיצינישער אויסשטאַטונג. אין משך פון'ם יאָהר האָט דער „דזשאָינט" איבערגעשיקט $70,000 פאַר די קלאַדאָוואָ־פּליכטלינגע. דאָס געלט איז צוגערעכענט געוואָרען צו די בודזשעטען פון די לענדער, פונוואַנען די פּליכטלינגע זיינען געקומען.

אין די ערשטע חדשים פון 1941 האָבען אַרום 250 מיטגלידער פון דער קלאַדאָוואָ־גרופּע געקראָגען אַ מעגליכקייט ווייטער פאָרטצוזעצען זייער רייזע קיין פּאַלעסטינע דורך טערקיי. שפּעטער, דעם 16־טען אַפּריל, זיינען די דייטשישע, איטאַליענישע און אונגאַרישע סאָלדאַטען אַריין קיין יוגאָסלאַוויע, און נאָך אַ צוויי־וואָכיגער בלוטיגער מלחמה איז אויך יוגאָסלאַוויע באַזיגט געוואָרען. אַ גאַנצער חודש איז פאַריבער ביז דער „דזשאָינט" האָט געקראָגען עפּעס אַ ידיעה פון זיין פאָרשטעהער אין יוגאָסלאַוויע. ווען אָט־די ידיעה איז געקומען, איז זי געווען זעהר אַ טרויעריגע.

„די אידישע געמיינדע פון יוגאָסלאַוויע איז זיך צולאָפען אויף אַלע זייטען", האָט דער טעלעגראַפישער באַריכט דערצעהלט. „פון די 68,000 נפשות, וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט די אָרטיגע אידישע קהלה, געפינען זיך איצטער 29,000 אין קראָאַציע, וואָס איז איצטער געוואָרען אַ האַלב־זעלבסט־שטענדיגער שטאַט, ווי סלאָוואַקיע. נאָך 8,000 אידען זיינען איבערגעבליבען אין אַלט־סערביע, וואָס איז איצטער אָקופּירט פון די דייטשען, מיט בעלגראַד אַלס הויפּטשטאָט. די איבערגעבליבענע 31,000 אידען פון יוגאָסלאַוויע זיינען איינגעשלונגען געוואָרען פון די אַרומיגע לענדער — אונגאַרן, בולגאַריע און איטאַליע. וואָרשיינליך 20,000 אידען געהערען איצטער צו אונגאַרן, 10,000 אָדער 11,000 צו בולגאַריע און נאָענט צו 2,000 צו איטאַליע.

„פון די 4,000 פליכטלינגע, וואָס האָבן געלעבט אין יוגאָסלאַוויע איידער די דייטשען האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, זיינען אַרום 2,600 איבערגעבליבן אין קראָאַציע; 1,350, צווישן וועלכע עס געפינט זיך די קלאַדאָוואָ - גרופּע, זיינען אין דעם געגנט אַרום בעלגראַד, און אומגעפעהר הונדערט — אין די שכנישע לענדער. אין דעם דייטש־אָקופּירטען סערביע געפינען זיך 8,000 דאָרט־געבוירענע אידען אין דער גרעסטער אָרימקייט. זיי זיינען אַלע היימ־לאָז. די איבעריגע 4,000 זיינען אויך זעהר שטאַרק פאַראָרימט. באַזונדערס שלעכט איז די לאַגע פון די פליכטלינגע."

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" אויסגעגעבען אויף זיין הילפס־פּראָגראַם אין יוגאָסלאַוויע $106,800. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 האָט ער דאָרט אויסגעגעבען $50,500.

שוועדען — פינלאַנד

אין משך פון אַ סך יאָהרען נאָך דעם אויפשטייג פון נאַציזם און איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, פלעגען אידישע עלטערען אין דייטשלאַנד אַוועקשיקען זייערע קינדער פון דער היים קיין שוועדען, כדי זיי צו ראַטעווען פון די היימישע צרות. אָט־די קינדער פלעגען די עלטערען אויפהאַלטען דורך דער „קלירינג"־סיסטעם פון „דזשאָינט". אָנפאַנג יאָהר 1940 זיינען געווען 500 אַזעלכע קינדער אין שוועדען. אָבער היינט מוזען זיי שוין אָנקומען צו דער שטיצע פון דער דאָרטיגער אידישער געמיינדע. זייערע עלטערען קענען שוין מעהר פאַר זיי קיין געלט נישט צאָהלען. אין שוועדען וואוינען בלויז 7,000 אידען, און ביים אָנפאַנג יאָהר זיינען דאָרטען געווען 2,000 דייטש־אידישע פליכטלינגע. בלויז אין זעלטענע פאַלען פלעגט מען זיי ערלויבען צו אַרבייטען. אַ חוץ דעם זיינען געווען אַ סך דייטש־אידישע חלוצים אין די צוגרייט־קאָלאָניעס פון שוועדען. אָט־די חלוצים זיינען דאָרט פאַרבליבען גע־שטראַנדעט, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. דאָרטען זיינען געווען אויך אַנדערע, וואָס זיינען אַהין אַנטלאָפען פון נאָרוועגיע און דענמאַרק, בעת יענע לענדער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון די דייטשען.

אַ לאַנגע צייט האָבען די אידען אין שוועדען אַליין געשטיצט די פליכט־לינגע און זיך ניט געווענדט צו קיינעם אין אויסלאַנד נאָך הילף. אָבער ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט פאַר 290 פליכטלינגע צו עמיגרירען, האָבען די שוועדישע אידען זיך געווענדט צום „דזשאָינט", אַז ער זאָל באַזאָרגען די נויטיגע 7,500 דאָלאַר.

בעת עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען פינלאַנד און רוסלאַנד, זיינען אין די שלאַכט־געגענטען געווען הונדערט דייטש־אידישע פליכטלינגע אין פינלאַנד. די אידישע געמיינדע פון העלסינקי האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרי־בערצופירען די פליכטלינגע קיין שוועדען, נאָר דאָס האָט זיך איר ניט איינ־געגעבען. אָנפאַנג יאָהר האָט יעדער פליכטלינג געמוזט האָבען $10 אַ חודש

אויף לעבען, אָבער קיין אָרטיגע זאַמלונגען האָט מען ניט געקענט מאַכען. דער „דזשאָינט" האָט אַליין געמוזט אויסהאַלטען די פּליכטלינגע אין פינלאַנד, און ער האָט אויף דעם אויסגעגעבען אַ סומע פון $16,000.

דער „דזשאָינט" אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט

דער אויפשטייג פון נאַציזם האָט צושפּרייט און פאַרטראָגען דאָס אייראָפּעאישע אידענטום אין אַזעלכע ווייטע ערטער, ווי באָמבעי, די האָלענדישע איסט־אינדיעס, פּערסיע, טערקיי, גריכענלאַנד, מאַראָקאָ און אויפ'ן אינזעל מאַוריציוס. אין משך פון'ם יאָהר האָט דער „דזשאָינט" ערהאַלטען עטליכע טעלעגראַפישע אַפּילס פון באָמבעי צו העלפען די פּויליש־אידישע פליכטלינגע, וועלכע פאָהרען אַדורך דורך דער שטאָט און זוכען אין יעדען עק־וועלט ערגיץ אַ מקום־מנוחה. אייניגע זיינען געפאָרען קיין אַמעריקע, אַנדערע קיין פּאַלעסטינע, און ווידער אַנדערע קיין אויסטראַליע. אין באָמבעי אַליין זיינען געווען הונדערט דייטשישע און עסטרייכישע אידישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען געווען אַנגעוויזען אויף דער הילף פון דעם דאָרטיגען אידישען הילפס־פאַראיין.

אויף די בערג און אין די מדבריות פון מאַראָקאָ זיינען געווען אַנדערע פליכטלינגע. דאָס זיינען געווען מענטשען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך און דאָרט האָבען זיי געוואָלט זיך אַרויסדרעהען פון די אינטערניר־לאַגערען, און זיך אַנגעשלאָסען אַן דעם פרעמדען־לעגיאָן. ווען פראַנקרייך איז געפאַלען, האָט מען 4,000 פון אָט־די פליכטלינג־לעגיאָנערען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען טויזענד אידען, פאַרשיקט אין אַרבייטס־לאַגערען, וואָס זיינען געווען נאָך ערגער, ווי די ערגסטע אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך. אַ סך האָט מען אָפּגעשיקט צו אַרבייטען אויף דער טראַנס־סאַכאַרא אייזענבאַן־ליניע קיין דאַקאַר.

אַ קאָמיטעט, וואָס נעמט אַריין פאַרשטעהער פון דער אידישער געמיינדע אין קאַסאַבלאַנקאַ, איז געגרינדעט געוואָרען, כדי אויסצואַרבייטען עפּעס אַן אופן, ווי אַזוי צו לינדערען די לאַגע פון אָט־די אומגליקליכע מענטשען. דער איינציגער קוואַל, צו וועלכען אָט־די מענטשען האָבען זיך געקענט ווענדען, איז געווען דער „דזשאָינט", וואָס האָט באַשטימט $6,000 פאַר פליכטלינג־הילף אין קאַסאַבלאַנקאַ און $4,500 אין טאַנזשיר.

דער „דזשאָינט" האָט אויך ערהאַלטען אַ נויט־רוף פון טערקיי, — וואו עטליכע הונדערט פליכטלינגע, וועלכע זיינען געפאָרען קיין פּאַלעסטינע, זיינען געבליבען געשטראַנדעט, און וואו די געראַטעוועטע פון דער „סאַלוואַדאָר" זיינען געבראַכט געוואָרען, נאָכדעם ווי די שיף איז אונטערגעגאַנגען אין ים. ענליכע „עמוירדזשענסי"־הילף האָט מען געדאַרפט פאַר אַ גרופּע פליכטלינגע, וואָס איז געבליבען געשטראַנדעט אין טעהעראַן, פּערסיע. כמעט ביי יעדער סטאַנציע אויף די פאַרשידענע וועגען קיין פּאַלעסטינע פלעגען גרופּען פליכט־

לינגע פּלוצלינג פאַרהאַלטען ווערען, אָדער בלייבען אָהן געלט. זיי האָבען געוואוסט, אַז דער איינציגער קוואַל פון הילף איז דער „דזשאָינט". הונדער־טער פּוילישע פּליכטלינגע, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך סאַלאָניקאַ, גרי־כענלאַנד, האָבען זיך געווענדעט צום „דזשאָינט" נאָך הילף. ווען די ענגלישע רעגירונג האָט דעפּאָרטירט 1,770 פּליכטלינגע פון פּאַלעסטינע אויף דעם אינזעל מאָוריציוס, וואו זיי זיינען אינטערנירט געוואָרען, האָט מען געבעטען דעם „דזשאָינט", אַז ער זאָל זיי שיקען הילף. דער „דזשאָינט" האָט צוגעשיקט אַהין $4,000. קיין באָמבעי האָט ער געשיקט $2,300, קיין גריכענלאַנד — $25,400, קיין פּערסיע — $500, קיין טערקיי — $10,850.

טעטיגקייט פון דער קולטור־קאָמיטע

זינט דער „דזשאָינט" האָט זיך געגרינדעט, האָט ער שטענדיג אָנערקענט די וויכטיגקייט צו העלפען אויפהאַלטען דעם קולטורעלען בניז פון'ם אייראָ־פּעאיש־אידישען לעבען, אַ חוץ זיין טעטיגקייט אין די געביטען פון אַלגעמיינעם רעליף און אויפבוי־אַרבייט. די קולטור־קאָמיטע, וואָס איז עטאַבלירט געוואָ־רען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער פּירערשאַפט פון דעם פאַר־שטאָרבענעם דר. סיירוס אַדלער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען אָט־דעם פּאָסטען ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען, טראָגט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט צו פאַרטיילען די „דזשאָינט"־געלטער פאַר קולטור־רעליגיעזער און בילדונג־טעטיגקייט, צו שול־אָרגאַניזאַציעס, ישיבות און אַנדערע אינסטיטוציעס אויף יענער זייט ים. אָט־די אינסטיטוציעס זיינען זעהר אָפט די איינציגע ערטער צו שעפּען בילדונג, וואָס אידען האָבען איצט אויף יענער זייט ים. די קאָמיטע באַשטעהט פון פאַרשטעהער פון אָרטאָדאָקסישע, קאָנסערוואַטיווע און אַרביי־טער - גרופּען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. יעדער פון זיי שטעהט אין ענגען קאָנטאַקט מיט די אינסטיטוציעס, אין וועלכע זיין גרופּע איז פאַראינטערע־סירט.

אין משך פון'ם יאָהר 1940 און אין די ערשטע פינף חדשים פון'ם יאָהר 1941 האָט די קולטור־קאָמיטע פון „דזשאָינט" פאַרטיילט אַ סומע פון $132,000 צווישען 150 אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס אין אייראָפּע, פּאַלעסטינע און לאַטיין־אַמעריקע. די צאָהל בקשות נאָך הילף צו דער קולטור־קאָמיטע האַלט אין איין וואַקסען, ווייל וואָס ווייטער ווערט אַ גרעסערע צאָהל אידישע געמיינדעס אַלץ אָרימער און זיי קענען ניט אַליין אויפהאַלטען אָט־די אינסטי־טוציעס. אין דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, האָט די קולטור־קאָמיטע געשיקט רעגעלמעסיגע שטיצע צו איבער 40 ישיבות און שול־אָרגאַני־זאַציעס אין אונגאַרן. מיט אַ יאָהר פריהער האָבען בלויז דריי אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין געקראָגען הילף פון „דזשאָינט".

פאַראַן נאָך אַ פאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל זיך אַלץ מעהרער ווענדען צום „דזשאָינט" נאָך הילף. די אייראָפּעאישע לענדער,

וועלכע זיינען ביז איצט געווען דער קוואַל פאַר אַ היבשער מאָס הילף, וואָס איז געגאַנגען צו די פּאַלעסטינישע ישיבות און שולען, קענען שוין מעהר ניט געבען קיין הילף. אין׳ם יאָהר 1940 האָט דער „דזשאָינט״ געשטיצט איבער 60 ישיבות, שול־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־רעליגיעזע גרופּען אין פּאַליסטינע, אַלץ אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען ניט געקראָגען קיין הילף פון קיין ציוניסטישען פאָנד. איבער 50 פּראָצענט פון די געלט־באַשטימונגען פון דער קולטור־קאָמיטע אין משך פון׳ם יאָהר 1940 זיינען געגאַנגען פאַר די פּאַלעס־טינישע אינסטיטוציעס. אַ חוץ דעם האָבען די ניי־אָרגאַניזירטע אידישע גע־מיינדעס אין די צענטראַל־ און דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, וואו עס האָבען זיך באַזעצט היבשע צאָהלען פליכטלינגע, אָנגעהויבען זיך מעהר און מעהר ווענדען צום „דזשאָינט״ נאָך פינאַנציעלער הילף, כדי זיי זאָלען קענען איינ־שטעלען רעליגיעזע אינסטיטוציעס, העברעאישע שולען, א. אַ. וו.

אַ חוץ דער פינאַנציעלער און טעכנישער שטיצע, האָט דער „דזשאָינט״ געהאָלפען די ניי־געגרינדעטע רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין דרום־אַמעריקע דערמיט, וואָס ער האָט זיי צוגעשיקט פאַרשידענע רעליגיעזע אַרטיקלען: ספרי־תורה, סדורים, מחזורים, הגדות, תפלין, מזוזות א. אַ. וו. אייניגע פון די אַר־טיקלען האָט די קולטור־קאָמיטע אַליין געקויפט. אַנדערע האָבען שולען און יחידים צוגעשיקט צו דער קאָמיטע.

פּ אַ ל ע ס ט י נ ע

אויף פאַך־שולונג און שטיצע פאַר עמיגראַנטען קיין פּאַלעסטינע און אויף שטיצע צו רעליגיעזע און קולטור־אינסטיטוציעס אין פּאַלעסטינע האָט דער „דזשאָינט״ אויסגעגעבען אין׳ם יאָהר 1940 אומגעפעהר אַ סומע פון $643,000 — איבער צעהן פּראָצענט פון זיין בודזשעט פאַר יענעם יאָהר.

אָט־די סומע איז געגאַנגען אויף אויסצוהאַלטען פּראָספּעקטיווע עמיגראַנ־טען אין פאַך־שולען און אין קאָלאָניעס אין פיל אייראָפּעאישע לענדער און אויף רייזע־הוצאות פאַר אַרום 6,000 עמיגראַנטען. אָט־די סומע דעקט אויך אַלע רעליף־הוצאות פאַר די פליכטלינגע, וואָס געפינען זיך אין וועג קיין פּאַ־לעסטינע.

אַ חוץ די געלטער, וואָס ער האָט אויסגעגעבען אין פּאַלעסטינע דורך דער קולטור־קאָמיטע, האָט דער „דזשאָינט״ אויך באַוויליגט $12,500 צום העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים אין משך פון׳ם יאָהר 1941 צו שטיצען דאָרט די פליכטלינג־פּראָפעסאָרען און סטודענטען.

צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע

דאָס לעצטע יאָהר האָט געגעבען די אידישע געמיינדעס פון דער לאַטיי־נישער אַמעריקע אַ געלעגענהייט צו אונטערפירען אַ סך־הכל פון דער צאָהל פליכטלינגע, וואָס זיי האָבען, און פון די התחיבות׳ען, וואָס זיי טראָגען, און

אנפאנגען אז אינטענסיווע ארבייט פון אסימילירען די 110,000 ניי־אנגעקו־מענע אימיגראנטען אין די צענטראל־ און דרום־אמעריקאנער רעפובליקען. אומגעפעהר 6,000 פליכטלינגע זיינען אריינגעקומען אין משך פונ׳ם יאהר 1940, א היבשע פארקלענערונג לגבי דער צאהל, וואס איז געהאט אנגעקומען אין 1938 און אין 1939. צום ערשטען מאל האבען איצט די אידישע געמיינדעס א מעגליכקייט זיך א ביסעל אפצורוהען פון דעם שטראם פליכטלינגע, וואס האט אזוי געפלייצט פלוצלינג און אונערווארטעט אין משך פון די פריהערדיגע יאהרען. דאס האט זיי געגעבען א געלעגענהייט אנצופאנגען א געמיינזאמע ארבייט אויף פראבלעמען פון גרעסערען פארנעם, אויף עפעס קאנסטרוקטי־ווער פלאניר־ארבייט און אויף אויסצופלאסטערען א וועג פאר אימיגראציע, וואס מוז קומען, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען.

כאטש די צאהל מענטשען, וואס ווענדען זיך נאך הילף, האט זיך אין מאי 1941 פארקלענערט לגבי דער צאהל פון יאנואר 1940, הויבט אבער אן די לאסט פון רעליף צו ווערען פערמאנענט. די מעהרסטע מענטשען, וואס מוזען אנקומען צו די קאמיטעטען נאך שטיצע, זיינען אדער צו־יונג אדער צו־אלט, אז זיי זאלען אליין פארדינען אויף א לעבען. די עקספארט־מארקען פון די מעהרסטע צענטראל־ און דרום־אמעריקאנער לענדער זיינען שטארק צו־טרייסעלט געווארען דורך דעם, וואס זיי האבען פארלוירען די מעגליכקייט צו פארקויפען סחורות אין אייראפע. גרויסע צאהלען ארבייטער האבען פארלוירען זייער ארבייט אלס רעזולטאט פון דער מלחמה, איינעגע צוליב דעם, וואס די באלעבאטים האבען שוין מעהר ניט געוואלט באשעפטיגען קיין דייטשען, אנ־דערע — צוליב די שלעכטע געשעפטען.

כמעט אלע קאמיטעטען האבען געמוזט אויסגעבען וואס ווייטער אלץ גרע־סערע סומען אויף מעדיצינישער הילף. א סך אימיגראנטען, וואס פארדינען ווי־ניט־איז אויף אן ארימען לעבען, מוזען אבער אנקומען צו די קאמיטעטען נאך הילף בעת עמיצער פון זייערע פאמיליעס ווערט קראנק. זייער פיל פון די ניי־אריבערגעקומענע ווערען קראנק, ווייל דער נייער און גאנץ אנדערער קלימאט, אונטער וועלכען זיי לעבען איצט, ווירקט אויף אייראפעער צום שלעכטען. דערצו נאך פעהלט זיי די ריכטיגע דיעטע, און דאס ווירקט נאך מעהר אויף זייער געזונט־צושטאנד.

די אידישע געמיינדעס פון דרום־אמעריקע האבען דערפאר אנגעווענדט זייער גאנצע אויפמערקזאמקייט אויף דריי הויפט־אויפגאבען אין משך פון דעם צייט־אפשניט, וואס מיר באטראכטען אין דעם באריכט: געהעריג אויפצו־פאסען אויף קינדער, איינארדענען די דערוואקסענע און אכטונג געבען אויף די עלטערע מענטשען און אויף די, וואס קענען קיין באשעפטיגונג ניט קרי־גען. כדי צו העלפען עקאנאמיש איינארדענען די פריש־אריבערגעקומענע, האט מען געמוזט א סך פון זיי העלפען איבערוואנדערען פון די גרויסע אין די קלענערע שטעט, וואו עס איז געווען א מעגליכקייט אויסצונוצען זייערע

פעהיגקייטען און וואו מען וואלט זיי גוט אויפגענומען און באשעפטיגט ביי נוצליכער ארבייט.

שפעט אין יאהר 1940 האט די רעקאנסטראקשאן־קאמיטע פונ׳ם „דזשאינט" אנגעהויבען איינשטעלען לייה־קאאפעראטיוען אין בראזיל, טשילי, עקוואדאר, פערו און אורוגוואי. אט־די קאאפעראטיוען ,ווען זיי וועלען עטאבלירט ווערען, וועלען קענען אויסלייהען גאנץ אנשטענדיגע סומען צו פערזאנען, וואס קענען עפעס טאן, און אויך אזעלכע פליכטלינגע ,וואס האבען שוין איינגעשטעלט געהענדע געשעפטען. דער „דזשאינט" האט אויך עטאבלירט זעלבסטשטענדיגע לייה־קאסעס פאר פליכטלינגע, וואס קענען ניט נאכקומען די שטרענגע פאדערונגען פון די לייה־קאאפעראטיוען.

די איבערוואנדערונג און די אנדערע קאנסטרוקטיווע פראגראמען זיינען אונטערגענומען געווארען צוליב פארשידענע טעמים. טויזענדער פליכטלינגע, וואס האבען זיך אויפגעזאמעלט אין די גרויסע שטעט, קענען ניט ערווארטען צו קריגען דארטען ארבייט, און זייער אנוועזענהייט האט גענומען ווערען אויפפאלענד. טויזענדער מענטשען קענען ניט נאכאנאנד אנקומען צו צדקה און דערביי ניט צוזאמענברעכען מאראליש. אט־די טעמים, וואס זיינען וויכטיג גענוג פאר זיך אליין, האבען אין דער זעלביגער צייט באווירקט די ברייטע פאליטישע פאקטארען, וועלכע זיינען שטענדיג א טייל פון יעדער פראבלעם אין דער לאטיינישער אמעריקע. שרעק און פאראיבעל מצד דער איינגעבוירענער באפעלקערונג זיינען ארויסגערופען געווארען. אט־דעם שרעק און פאראיבעל האבען טראבל־מאכער צובלאזען און פארשפרייט. נאצי־אינספירירטע פראפאגאנדיסטען האבען שנעל אויסגענוצט יעדע געלעגענהייט, כדי ארויסצורופען א צורודערונג. די ארבייט פון די ארטיגע קאמיטעטען איז געווען איינצואָרדענען און צוצופאסען די אימיגראנטען צו דעם לעבען פון זייערע נייע לענדער.

כאטש א טייל פון די פאנדען, וואס מען האט גענוצט אין דער לאטיינישער אמעריקע, זיינען געקומען פון ארטיגע קוואלען, פונדעסטוועגען האט דער „דזשאינט" נאכאנאנד באזארגט דאס מעהרסטע געלט, וואס מען האט דארט געדארפט. אלס רעזולטאט פון זייער אנגעזאמעלטער ערפארונג, פירען היינט־צו־טאג דורך די פליכטלינג־קאמיטעטען אין דער לאטיינישער אמעריקע, געשטיצט פונ׳ם „דזשאינט", זייערע פונקציעס מיט אלץ מעהרער פארשטענדיגונג און ווירקזאמקייט ניט בלויז אין די גרעניצען פון זייערע אייגענע לענדער, נאר אויך אין קאאפעראציע פון איינעם צום אנדערען.

דריי פארשטעהער פונ׳ם „דזשאינט" אדער פון אפיליאירטע קערפערשאפטען האבען ארומגערייזט דאס לאטיינישע אמעריקע אין משך פונ׳ם יאהר 1940 און אנפאנג יאהר 1941. יעדער פארשטעהער האט סטימולירט די ארטיגע קאמיטעטען צו ווייטערער טעטיגקייט און זיי געהאלפען מיט ראט און טאט ניט בלויז אין די מעטאדען, ווי אזוי אנצופירען די הילף, נאר אויך ווי אזוי צו קאאפערירען איינער מיט׳ן צווייטען.

אינ׳ם יאָהר 1940 האָט דער „דזשאָינט״ אויסגעגעבען אויף זיין הילפס־ארבייט אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע 504,550$. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 האָט ער אויסגעגעבען 139,125$.

שאַנכאַי

פון 1938 אָן איז שאַנכאַי געוואָרען אַ וויכטיג פּלאַץ פאַר פליכטלינג־הילף אויף דער וועלט־מאַפּע פון „דזשאָינט״. שאַנכאַי, אַ געדיכט־באַפעל־קערטע שטאָט פון 3,600,000 איינוואוינער, וואָס מאַטערען זיך צו לעבען אין אַ קריגס־זאָן, איז באַזונדערס געוואָן צוציהענד אַלס צופלוכטס־האַפען. שאַנ־כאַי איז געווען די איינציגע שטאָט אויף דער גאַנצער וועלט, וואו מען האָט ניט געפאָדערט קיין וויזעס. דאָס איז געווען אַן אָפענער פאָרט. פאַרפאָלגטע פליכטלינגע, וואָס האָבען געזוכט ערגיץ אַ ברעג, עס מאַכט ניט אויס, ווי ווייט אַט־דער ברעג זאָל ניט זיין, וואוהין צו אַנטלויפען פון די נאַצישע הענט, האָבען אָנגעהויבען זיך רוקען צו אַט־דעם כינעזישען פאָרט באַלד נאָכדעם, ווי דער היטלער־רעזשים איז געקומען צו דער מאַכט. אין 1938 איז אַט־דאָס שטרע־מעלע געוואָרען אַ גאַנצע פאַרפלייצונג.

אָנפאַנג יאָהר האָט דער קאָמיטעט אויפגעפּאַסט אויף איבער 13,000 פון די 20,000 אידישע פליכטלינגע, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אין שאַנ־כאַי. 3,700 פליכטלינגע האָבען געלעבט אין געמיינזאַמע לאַגערען, וואָס דער קאָמיטעט האָט אויסגעהאַלטען. נאָך 1,400 האָט מען באַזאָרגט מיט קוואַרטירען אין פּריוואַטע היימען. איבער 6,500 פליכטלינגע האָט מען געמוזט שפּייזען יעדען טאָג. די מאָלצייטען, וואָס מען פלעגט זיי אויסטיילען, זיינען קוים געווען גענוג אויף צו דערהאַלטען די נשמה. פונדעסטוועגען האָבען אַט־די טויזענדער פליכטלינגע, אָנפאַנג יאָהר נאָך, באַקומען דריי מאָלצייטען אַ טאָג, פאַרשטעהט זיך, אַ דאַנק דער הילף פונ׳ם „דזשאָינט״.

אין משך פונ׳ם יאָהר איז די מעדיצינישע הילף געוואָרען באַזונדערס וויכטיג, ווייל די פליכטלינגע האָבען זיך מיט גרויסע שוועריגקייטען געקענט צופּאַסען צום קלימאַט אין שאַנכאַי. מען האָט געמוזט באַזאָרגען שפּיטאָלען און קליניקעס אויף אויסצוטיילען הילף צו 3,000 קראַנקע אַ וואָך. דער אָר־טיגער קאָמיטעט האָט געהאָלפען אויסזוכען באַשעפטיגונג פאַר אַרום טוי־זענד מענטשען — אַ זייער גרויסע דערגרייכונג, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אַט־די פליכטלינגע האָבען געמוזט קאָנקורירען מיט קולים.

אפילו אין דעם חרוב׳ען שאַנכאַי האָבען די אידישע רעליף־כחות זיך אָנגעשטרענגט נישט בלויז צו דערהאַלטען די נשמה ביי די פליכטלינגע, נאָר אויך זיי צו העלפען אויפבויען זייער לעבען, וואָס איז אויסגעוואָר־צעלט געוואָרען פון זייערע היימען — אַ האַלבע וועלט ווייטער פון דאָרט. מען האָט אָרגאַניזירט שולען פאַר די פליכטלינג־קינדער. מען שאַצט, אַז אַרום

600 קינדער קריגען זייער בילדונג אין אָט־די שולען. אָהן די דאָזיגע שולען, וואָלטען זיי אינגאַנצען ניט געקראָגען קיין שום בילדונג.

אפילו די $292,000, וואָס דער „דזשאָינט" האָט באַווילִיגט פאַר דער אַרבייט אין שאַנכאַי אין משך פון דער צייט, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, האָבען ניט געקענט דעקען אַלע נויטען פון די פליכטלינגע, וואָס האָבען געהאַלטען אָהין אין איין שטראָמען.

אין די ערשטע חדשים פון 1941 זיינען אויף דער אידישער געמיינדע אין שאַנכאַי געקומען נייע פּראָבלעמען און נייע צרות. עס זיינען געמאַכט געוואָרען אַראַנזשמענטס צו טראַנספּאָרטירען קיין שאַנכאַי עטליכע הונדערט פליכטלינגע, וואָס האָבען זיך אויפגעזאַמעלט אין יאַפּאַן. צו באַזאָרגען מיט קוואַרטירען אָט־די פליכטלינגע אין דער חרוב'ער שטאָט, איז די שווערסטע פּראָבלעם. אין דער זעלביגער צייט איז צוגעקומען נאָך אַן עמוירדזשענסי — אַ ווייטערער מאַנגעל אין קוואַרטירען. דער פינגליאַנג - לאַגער, וואו עס געפינען זיך 650 פּערזאָן, האָט געמוזט עוואַקואירט ווערען, און מען האָט געדאַרפט $15,000 אויף אויפבויען אַ נייעם לאַגער. אויף דעם דרינגענדען אַפּיל פון'ם קאָמיטעט האָט דער „דזשאָינט" בייגעשטייערט $10,000 פאַר דעם צוועק.

אין 1940 האָט דער „דזשאָינט" צוגעשיקט קיין שאַנכאַי $190,000. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 האָט ער אַהין איבערגעשיקט $102,000.

י א פּ א ן

אַ ביישפּיל, ווי אַזוי פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אין איין שטאָט פון דער וועלט קענען אַרויסרופען אַ פּלוצלינגע „עמוירדזשענסי" פאַר דעם „דזשאָינט" אין אַן אַנדער ווייט־ווייטען לאַנד, קען זיין די לאַגע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יאַפּאַן אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 1940. אַלס רעזולטאַט דערפון, וואָס מען האָט אָפּגעשלאָסען דעם מיטעללענדישען ים, זיינען די קאָמיטעטען אין גרויס־דייטשלאַנד געווען געצוואונגען צו זוכען נייע וועגען פאַר עמיגראַציע, און זיי האָבען איינגעאָרדענט, אַז אידען פון דייטשלאַנד זאָלען פאָהרען דורך אייראָפּע און אַזיע (אויף דער טראַנס־סיבירישער אייזענבאַן) קיין וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרט קיין יאַפּאַן. פון יאַפּאַן האָבען זיך די פליכטלינגע געדאַרפט אויפזעצען אויף שיפען און פאָרען אין די לענדער פון דער האַלבער וועלט אין מערב.

כמעט גלייך זיינען אָנגעקומען פאָדערונגען פאַר באַלדיגער הילף און אַנדערער שטיצע אין טאָקיאָ, קאָבע און אין אַנדערע יאַפּאַנעזישע שטעט. דייטשע פליכטלינגע זיינען אָנגעקומען אין גרופּען, אין וועלכע עס זיינען געווען ביז 200 אויף אַ מאָל. אָפט האָבען די גרופען פאַרזאַמט זייערע שיפען און האָבען געמוזט וואַרטען עטליכע וואָכען ביז אַן אַנדער שיף איז אָפּגעפאָרען. אַזוי ווי די מערהסטע פון זיי האָבען קיין געלט ניט געהאַט, האָט מען זיי געמוזט דערווייל שטיצען.

אנפאנג יאהר 1941 איז דער עמיגראציע־שטראם דורך יאפאן פלוצלינג אויפגעשוואלען געווארען אזוי, אז ער האט אויסגעזעהן ווי א מבול. דעמאלט זיינען אריינגעקומען אהין פוילישע פליכטלינגע פון ליטע. סוף חודש מערץ זיי־נען שוין אין יאפאן געווען נאענט צו 2,000 פליכטלינגע, מעהרסטענס אין קאבע. אריבער א העלפט פון אט־די פליכטלינגע האבען ניט געהאט קיין גילטיגע וויזעס און זיי האבען ניט געקענט פאהרען וויטער ווי יאפאן. כמעט אלע האבען זיך גענויטיגט אין הילף און אין רייזע־קאסטען.

די יאפאנעזישע מאכט, כאטש סימפאטיש צום פראבלעם פון די פליכט־לינגע, האט זעהר ניט געוואלט אריינלאזען קיין פרישע אימיגראנטען, כדי עס זאל ניט באשאפען ווערען א נייע אויסלענדישע קאלאניע אין זייער לאנד. האט זי באשלאסען אפשטעלען ארויסצוגעבען וויטערע טראנזיט־וויזעס, ביז די געדיכטעניש פון פליכטלינגע וועט ניט אביסעל לויזער ווערען. דער „דזשאינט" האט זיך זעהר שטארק אנגעשטרענגט אריבערצופירען א צאהל פליכטלינגע פון יאפאן אין אנדערע ערטער. מען האט געשאפען א מעגליכקייט איבער־צופירען עטליכע הונדערט פליכטלינגע קיין שאנכאי. מען האט געגעבען גאראנטיען צו די רעגירונגען פון בורמא, אויסטראליע און ניי־זעלאנדיע, אז מען וועט אויפפאסען אויף גרופעס פון דרייסיג, פופציג און צוואנציג פוי־לישע בירגער, וועמען מען האט געגעבען ספעציעלע וויזעס אין יענע לענדער.

אין דער זעלביגער צייט האבען די אויסגאבען צו אויפהאלטען די פליכט־לינגע געהאלטען אין איין וואקסען. אנגעפאנגען מיט א געלט־באשטימונג פון $10,000 אין פעברואר 1941 אויף אויפצוהאלטען די 800 פליכטלינגע, איז דער „דזשאינט" געווען געצוואונגען צו באשטימען $15,000 אין מערץ, $20,000 אין אפריל און $25,000 אין מאי. אין יענער צייט האט שוין די צאהל פליכטלינגע דערגרייכט ביז צו 2,000.

און עס האט זיך ניט בלויז געהאנדעלט אין הוצאות צו אויפהאלטען די פליכטלינגע. דא איז געווען נאך א זאך. דער קאמיטעט, וואס איז ארגא־ניזירט געווארען אין קאבע אויף דער איניציאטיוו פונ'ם „דזשאינט", איז געווען דירעקט פאראנטווארטליך צו דער יאפאנעזישער פאליציי פאר דעם לעגאלען סטאטוס פון די פליכטלינגע. מען האט געמוזט ארויסגעבען געלט אויף צו קריגען אן ערלויבעניש צו וואוינען, אויף וויזעס און אויף אנדערע דאקומענטען, אויך אויף הוצאות פון יאפאן קיין שאנכאי. ספעציעלע באווי־ליגונגען אויף דער סומע פון $128,000 האט מען געמוזט מאכען אויף רייזע־הוצאות פון די פליכטלינגע, וואס זיינען געפארען פון שאנכאי קיין יאפאן און די לענדער, וואוהין זיי זיינען לכתחילה געפארען.

די פיליפינען

די אידישע געמיינדע אין די פיליפין - אינזלען איז קיינמאל ניט גע־ווען קיין גרויסע. איידער דער נאציזם האט צעשפרייט טויזענדער און טוי־

זענדער אידען איבער גאַר דער וועלט, איז די צאָהל אידען דאָרט געווען ניט מעהר פון 150. אָנפאַנג יאָהר 1940 האָט דאָס הייפעלע אידען אַריינגעזאַפּט 750 פליכטלינגע, אַ דריטעל פון וועלכע מוזען אינגאַנצען אָנקומען נאָך שטיצע צום אָרטיגען הילפס־קאָמיטעט. יענער קאָמיטעט העננגט אָבער אָפּ אינגאַנצען פון דער הילף פון'ם „דזשאָינט". די צאָהל פליכטלינגע איז אַרום מאַי 1941 שוין פאַרגרעסערט געוואָרען ביז 1,250.

געשטיצט פון'ם „דזשאָינט", האָט זיך דעם הילפס־קאָמיטעט איינגע־געבען צו עטאַבלירען 4 קאָאָפּעראַטיווע היימען פאַר די פליכטלינגע און איין קאָאָפּעראַטיווע פאַרם. די אַנדערע פליכטלינגע, וואָס וואוינען ניט אין די קוואַרטירען פון'ם קאָמיטעט, קריגען הילף אין שפּייז אָדער אין מזומן־געלט. אייניגע האָט מען געהאָלפען אָפּזוכען אַרבייט אָדער אָנפאַנגען אַליין גע־שעפטען.

מען האָט געהאָפט, אַז סוף־כל־סוף וועלען די פיליפּין־אינזלען זיין דאָס פּלאַץ פאַר אַ נייער פּראָגראַם צו באַזעצען פליכטלינגע. די פּלענער פאַר דעם האָט מען דערוויייל געמוזט אָפּלעגען, און אין 1940 איז פאַר'ן „דזשאָינט" געשטאַנען דאָס פּראָבלעם צו דערהאַלטען אַט־די מענטשען ביים לעבען און צו העלפען זיי זיך צופּאַסען צום נייעם לעבען אויף אַט־די אינזלען.

אויף די פיליפּין־אינזלען האָט דער „דזשאָינט" אין'ם יאָהר 1940 אויס־געגעבען $10,200. פון יאַנואַר ביז סוף מאַי 1941 — $10,200.

אָרגאַניזאַציעס וואָס קאָאָפּערירען מיט'ן „דזשאָינט"

„אַ ג ר אָ ־ ד ז ש אָ י נ ט"

אָנפאַנג יאָהר 1940 האָט דער „אַגראָ־דזשאָינט" זיך גענומען דורכצו־פירען אַ לאַנדווירטשאַפטליכען פּראָיעקט. דאָס איז געווען די פליכטלינג־קאָלאָניע, וואָס די „דאָמיניקאָן רעפּובליק סעטעלמענט אַסאָסיאיישאָן, אינק." האָט געגרינדעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון $713,000, באַוויליגט פון'ם „אַגראָ־דזשאָינט" אַלס גרונד־קאַפּיטאַל. די דאָזיגע געזעלשאַפט האָט אין אָנפאַנג יאַ־נואַר 1940 געשלאָסען אַן אָפּמאַך מיט דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, אויף דעם רעכט צו עטאַבלירען אַן אינטערקאָנפעסיאָנעלע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָ־ניע אין סאָסוּאַ.

כאָטש די „דאָמיניקאָן רעפּאָבליק סעטעלמענט אַסאָסיאיישאָן" (באַקאַנט אַלס „דאָרסאַ") איז אַ זעלבסטשטענדיגע קאָרפּאָראַציע מיט מר. דזשיימס נ. ראָזענבערג אַלס פּרעזידענט, האָט זי פונדעסטוועגען געקראָגען אַ זעהר היב־שען טייל פון איהר פאָנד ביים „אַגראָ־דזשאָינט". צו די $713,000 אויפ'ן גרונד־קאַפּיטאַל, האָט דער „דזשאָינט" אויסגעליהען צו דער „דאָרסאַ" נאָך $50,000 אויף רייזע־הוצאות פון איבערוואַנדערער און באַוויליגט די סומע פון $115,000 אויף צו דעקען די קאָסטען פון אויסהאַלטען די גרופּע וואַנדערער פון ענגלאַנד.

אין מאַי 1941 האָבען זיך שוין אין סאָסוּאַ געהאַט באַזעצט אַרום 350

איבערוואַנדערער און ערפאָלגרייך זיך צוגעפּאַסט צום לעבען אין דער קאָ־לאָניע. אין דער קאָלאָניע גופא זיינען שוין הונדערטער אַקער לאַנד קולטי־ווירט. פאַראַן דאָרט הונדערטער שטיק פיה אויף צו אַרבייטען און אויף באַזאָרגען די קאָלאָניסטען מיט שפייז.

דער „דזשאָינט" האָט אין משך פון'ם יאָהר 1941 באַוויליגט אַ סומע פון $300,000, וואָס זאָל אויסגעצאָלט ווערען אין משך פון אַ יאָהר אָדער מעהר, אויף רייזע־הוצאות פאַר קאָלאָניסטען, וואָס פאָהרען פון אייראָפּע אין דער דאָ־מיניקאַנער רעפּובליק.

דער „אַגראָ־דזשאָינט" האָט אויך אינוועסטירט אַ סומע פון $150,000 אין אַן אַנדער קאָלאָניסטישען פּראָיעקט פאַר פּליכטלינגע אין משך פון דעם צייט־אָפּשניט, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ. אָט־די סומע איז באַשטימט געוואָרען אויף צו גרינדען און אַנטוויקלען אַ לאַנדווירטשאַפטליכען פּראָיעקט אין באָ־ליוויע. אין דעם פּראָיעקט באַטייליגט זיך, צוזאַמען מיט דעם „אַגראָ־דזשאָינט", די „רעפּודזשי עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן". סוף מאַי 1941 זיינען דאָרט געווען אַרום הונדערט איבערוואַנדערער. מ'האָט אָפּגערייניגט אַ שטיק לאַנד און עס קולטיווירט, מען האָט אויפגעבויט הייזער און מען האַלט אין בויען נאָך. מען האָט אויסגעלעגט שליאַכען, כדי מען זאָל קענען צופאָרען צו דער באָ־ליוויאַנער הויפּט־שטאָט לאַ פּאַז, וואו עס איז פאַראַן אַ מאַרק, אין אַרום זעקס שטונדען צייט. עס ווערען געמאַכט צוגרייטונגען אויף אויפצונעמען נאָך אי־בערוואַנדערער.

„אַמעריקאַן דזשאָינט רעקאָנסטראַקשאַן פאַונדיישאַן"

די מלחמה ־ באַדינגונגען האָבען געצוואונגען די „אַמעריקאַן דזשאָינט רע־קאָנסטראַקשאַן פאַונדיישאַן", אַן ענגלישע קאָרפּאָראַציע, פאַקטיש אָפּצושטעלען אַלע אירע טעטיגקייטען. די „פאַונדיישאַן" האָט ניט געקענט אָנהאַלטען איר קאָנטאַקט מיט די מעהרסטע אָקופּירטע לענדער פון אייראָפּע. אירע פאָנדען זיינען פאַרבלאָקירט געוואָרען אין פיל לענדער. דער ראַט פון דער „פאַונדיי־שאַן", וואָס איז ענליך צו אַ דירעקטאָרען־באָאַרד, האָט זיך ניט געקענט פאַר־זאַמלען און דורכפירען זיצונגען. די „פאַונדיישאַן" איז אָרגאַניזירט גע־וואָרען (אין'ם יאָהר 1924) און פינאַנצירט געוואָרען פון דעם „דזשאָינט" צוזאַמען מיט דער „איקא".

אונטער די אומשטענדען האָט דער ראַט פון דער „פאַונדיישאַן" באַ־שלאָסען, מיט דער צושטימונג פון דער „איקא", אויפצופאָדערען דעם „דזשאָינט", אַז ער זאָל ווייטער אָנפירען אַזאַ טעטיגקייט, ווי עס איז מעגליך, פּראָוויזאָ־ריש דערווייל, ביז נאָך דער מלחמה. כדי צו העלפען דורכפירען אָט־דעם באַשלוס, האָט דער „דזשאָינט" עטאַבלירט אַ קאָמיטעט פאַר אויפבוי־טע־טיגקייט.

דער קאָמיטעט פאַר אויפבוי־טעטיגקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף

צוויי הויפּט־פונקציעס: (א) צו פאַרענדיגען געוויסע פאַרפליכטונגען, וואָס די „פאונדיישאָן" האָט געהאַט, און (ב) דורכצופירען די פאַרפליכטונגען פון דער „פאונדיישאָן" צו באַזאָרגען מיט הילף קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווען אין דרום־אַמעריקע. אַ פאָרשטעהער פונ׳ם קאָמיטעט האָט געמאַכט אַ טור איבער די לענדער פון דער לאַטיינישער אַמעריקע אינ׳ם יאָהר 1940 און אין די ערשטע חדשים פונ׳ם יאָהר 1941 און אויסגעפאָרשט די נויטען און די מעגליכקייטען אויף עטאַבלירען און אָנפירען לייה־געזעלשאַפטען אין זעקס דרום־אַמעריקאַנער לענדער. דער „דזשאָינט" האָט באַוויליגט $41,000 אויף צו אָרגאַניזירען לייה־קאָאָפּעראַטיווען אין סאַנטיאַגאָ, טשילי; ריאָ דע זשאַנעירא און סאַאָ פאולאָ, בראַזיל; און קיטאָ, עקוואַדאָר. דער „דזשאָינט" פלאַנעוועט אויך אָנצופאַנגען אין דער נאָהענטער צוקונפט אַט־די אַרבייט אין באָליוויע, אור־רוגוויי און פערו.

„פאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן"

די „פאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן" איז אָרגאַניזירט געוואָרען אינ׳ם יאָהר 1926. זינט די „קאָרפּאָריישאָן" איז געגרינדעט געוואָרען, האָט זי דורך אירע געהילפס־אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעגעבען הלוואות אויף דער סומע פון אַרום $30,000,000 צו פאַרמערס, שטאָטישע און דאָרפישע אַרבייטער, בעלי־מלאכות, סוחרים און קליינע פאַבריקאַנטען. אַ חוץ דעם האָט זי גע־האָלפען צו עטאַבלירען די גרונד־אינדוסטריען דערמיט, וואָס זי האָט אינ־וועסטירט געוויסע סומען אין אַ צאָהל פון די הויפּט־אונטערנעמונגען אין פאַלעסטינע.

די „פאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן" האָט דורך דער צענטראַלער באַנק פון די קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס אין פאַלעסטינע גענומען אונטער אירע פליגעל און געזאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטער קאָאָפּע־ראַטיווער באַוועגונג דערמיט, וואָס זי האָט באַזאָרגט מיט קרעדיטען די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען, ספּעציעל די יונגערע און שוואַכערע. זי האָט אויך אַרויסגעגעבען הלוואות צו דייטשע פליכטלינגע אין פאַלעסטינע אויף ספּעציעלע באַדינגונגען און גענוצט דערביי אירע אייגענע געלטער און יענע, וואָס די „אַמעריקאַן דזשאָינט רעקאָנסטראַקשאָן פאונדיישאָן" האָט באַוויליגט.

דער „דזשאָינט" האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג, וואוקס און אַנטוויקלונג פון דער „פאַלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן". זינט דעם יאָהר 1926 האָט ער איבערגעגעבען צו דער „פ. ע. ק." אומגעפער $1,800,000 אין מזומן־געלט און דאָס פאַלעסטינער פאַרמעגען פון זיין אויפבוי־קאָמיטעט.

THE AMERICAN JEWISH JOINT DISTRIBUTION COMMITTEE, Inc.

Officers

PAUL BAERWALD, Honorary Chairman

MRS. FELIX M. WARBURG, Honorary Chairman

JAMES N. ROSENBERG, Honorary Chairman, Executive Committee

EDWARD M. M. WARBURG, Chairman

JAMES H. BECKER, Chairman, National Council

ALBERT H. LIEBERMAN, Vice-Chairman, National Council

JOSEPH C. HYMAN, Executive Vice-Chairman

I. EDWIN GOLDWASSER, Treasurer

MARCO F. HELLMAN, Treasurer

ABNER BREGMAN, Associate Treasurer

EVELYN M. MORRISSEY, Assistant Treasurer

MRS. H. B. L. GOLDSTEIN, Comptroller

ISIDOR COONS, Director of Fund Raising

MOSES A. LEAVITT, Secretary

Vice-Chairmen

HERBERT H. LEHMAN

GEORGE BACKER
DAVID M. BRESSLER
ALFRED JARETZKI, JR.
ALEXANDER KAHN
HAROLD F. LINDER
SOLOMON LOWENSTEIN
WILLIAM ROSENWALD
WILLIAM J. SHRODER
M. C. SLOSS
JONAH B. WISE

European Executive Council

DR. BERNHARD KAHN, Honorary Chairman
MORRIS C. TROPER, Chairman
JOSEPH J. SCHWARTZ, Vice-Chairman
HERBERT KATZKI, Secretary